זיך נישט פרעהען, ווען דיין שונא פאלט", "זאלסט דיין פריינד נישט ארויסלאזען ליידיג פון דיין שטוב" איז וואס איז דער וואונדער?

האסט נאך מיין רעוואלווער, וואס איז דיר דער איינציגער אנדענק פון מיר געבליבען? האסטו איהם?— דאן זיך אויס וועסען, ווער ס'זאל מיין שלאף פארטרעטען!... פאטער, איך בעט דיך... דאס וועט מיך אביסעל גארוהיגען...

......... א, איך האב גאר פארגעסען! ס'איז קיינער נישט געבליבען מיט דיר, פאטער! אן עלענדער אלטער מאן ביסטו געבליבען, קראנק, צעבראכען און פארלאזען פון פריינד און קינדער... פ, ווי שרעקליך! ניין! נאר נים דו... נאר נים דו... דיר ציטערן די הענד... דארפסט נישט געהן, וועסט נישט קאנען שיסען..

אפשר דעם שפרוך, דעם שם-המפורש אין א גולם אריינבלאזען, ער זאל געהן פארטיידיגען די הילפס-לאזע אהן א גאט און אהן א שוץ... אט דאס האט זיך אמאל פאסירט— פארוואס דערינים אצינדער? גיב נאר א קלער, וועסטו זיך דערמאנען דעם שפרוך. איך ווייס, אז דו קענסט איהם. יאו יאו דאס וועט זיכער העלפען, פאטער! נאר נישט פארצווייפלען!

## א מתנה פון קדושים

......... איינמאל, שטעהענדיג אויף מיין פאסטען, האב איך געהערט א בת-קול פון די הימלען, און די בערג האבען איבערגע'חזר'ט יעדעס ווארט:

"געה אין טהאל פון יזרעאל און זאמעל צונויף די דרייסיג טויזענט העלדען פון אפרים, די, וואס האבען נישט געווארט, אז דער קץ זאל קומען, נאר האבען איהם געמאכט; די וואס האבען ליבערשט אויסגע-קליבען דעם הונגער-טויט אין די ברענענדיגע מדבריות/איידער דעם קנעכ-טישען "סיר-הבשר" אין מצרים— און צעטייל זיי אויף דריי מחנות. גיב יעדען א טאפ און אין יעדען טאפ לעג אריין א פייערדיגע האלאוועשקע,

און צעברעך עס אויף די קעפּ פון דיינע שונאים. נעם מיט אהוד'ן און גדעון, די טאַפּפערע פרויען דבורה און יהודית און אויך דעם פרינץ מיט זיין וואַפען-טרעגער.. זיי וועלן דירצונויז קומען צו פאַרטומלען א גאַנצע מחנה פון דיינע פריינד. געה צו די טויערן פון ירושלים, זאַמעל צונויף די אַלע טאַפּפערע גבורים, די וואָס האָבען פאַרטיידיגט די טויערן פון דער שטאָדט און אויך די ניין-און-דרייסיג וועלדן וואָס האָבען צווישען זיך גורל געוואָרפען, ווער פריער זאָל שטאַרבען, כדי נישט אריינצופאַלען לעבעדיגערהייט אין די הענט פון די שונאים. אָ, די ניין-און-דרייסיג בלויז... דעם פערציגסטען לעבעדיגען מת לאָז לויפען, זאָל ער פאַרראַטען... און חרטה האָבען. זאָלסט אויך צונויפנעמען די, וואָס האָבען זיך לעבעדיגערהייט געוואָרפען אין די פלאַמען פון בית-המקדש, די אַלע וואָס האָבען געקריצט מיט די ציינער אויף זייערע פינגער און זענען געשטאָרבען מיט'ן וואָרט „נקמה" אויף זייערע ליפען... אָט די אַלע זאָלסטו צונויפנעמען און זאָלסט מיט זיי נידערן אין דעם לאַנד פון שפּאַניע, און אויך דאָרטען זאָלסטו צוזאַמענגנעמען די וואָס זיינען געשטאָרבען פאַר זייער גאָט, פאַר זייער פאָלק; די וואָס זענען געשטאַנען אויף דעם „אויטאָ-דע-פעי" מיט'ן טיטול „דאָן" און „סעניאָר"; אויך די וואָס זענען פאַראורטיילט געוואָרען צו וואַנדערן און זענען אומגעקומען אונטער וועגענס פון הונגער, קעלט און קראַנקייטען. נעם זיי צונויף די קדושים פון שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, פון רוים, פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און עסטרייך און אויך די 2000 פון טולטשין, וואָס האָבען זיך אָנגעטאָן אין תכריכים, צוגעגרייט צום טויט, ווען זייערע ברידער די פּאָליאַקען האָבען זיי פאַרראַטען; אויך דאָס העלדישע מיידעל, וואָס האָט זיך געלאָזט דערשיסען פון קאָזאַק, כדי פּטור צו ווערען פון איר שאַנדע-אויך די זאָלסטו נעמען מיט זיך, ווי אויך די פרומע העלדישע שמשים וואָס האָבען ניט איינמאָל מקדש השם געווען; דעם קישינעווער שמש און די העקערס וואָס זענען געווען אויף דער וואַך זאָלסטו ניט פאַרגעסען. נעם אויך דעם יונגען סטודענט, וואָס האָט אזוי אומגעלונגען פאַרוואונדעט דעם קישינעווער כוליגאַן; לערן איהם אויס בעסער ציעלען צו האַלטען געווער אין האַנט: ס'זאָל מעהר מיט איהם אזא זאַך ניט פּאַסירען.

לד
317 132 70701



נעם מיט די אַלע העלדן פון אָדעס, װאָס זענען געפאַלען אויף דער גאַס
קעמפענדיג װי די לײבן, און די פערצעהן גבורים, װאָס האָבן זיך
געלאָזט קײן קיעװ פאַרטײדיגן זײערע ברידער און זענען אומגעקומען [illegible]
אויף דעם װעג.— אַז די אַלע זאָלסטו נעמען און זאָלסט זיך שטעלן
אַזױ, אַז זאָלסט קאָנען שפּריצן אין צװײ זײטן און עס זאָל הײסן
אין די פיער זײטן פון דער װעלט, און דאַן זאָלסטו בלאָזן שופר
און זיך לאָזן אין מלחמה; דאַן װעסטו בײקומען דײנע פײנדן”

איך האָב געפּלאַנט , פאָטער. און מענטש זיך פאַרגינען אָנצו–
קוקן, װאָס פאַר אַ גרױסע מחנה, װאָס פאַר אַ גרױסע אַרמײ עס איז
זיך צוזאַמענגעקומען און װי שײן זי איז! נאָר הײסטו װאָס , פאָטער, איך
װיל זיך מיט דיר ע ראַטן: פאַר מיר אַלײן איז דאָס אַ צו גרױסע אויפ–
גאַבע, אַ צו שװערע—װעסטו מיר מוזן אַביסל העלפן. הײסטו װער עס
איז צוגעקומען—חנה מיט איהרע זיבען זיהן... זי האָט דערהערט אַזאַ
זאַך, װי קדוש-השם , איז זי געקומען צולױפן: „נאַ,–זאָגט זי מיר–
די /// זיבן זיהן מײנע... איך האָב מעהר גאָרנישט... אויך איך װעל
מיטגעהן, װאוהין מ'דאַרף” און נאָך אַזױ פיל אומבאַקאַנטע שעהנע אי–
דישע טעכטער...
אָבער װאָס זאָל איך טאָן מיט די פיער הונדערט טױזענט אי–
דישע סאָלדאַטען אין רוסלאַנד? מיט די 40 ריבוא, װאָס העלפען די
מצרים פאַרכאַפּען נײע פעסטונגען, נײע רײַכטימער, אָט מיט די, װאָס זאָל
איך טאָהן און מיט די פריהעריגע און געצװאונגענע צװאַנציג ריבוא,
װאָס געפינען זיך אין דײטשלאַנד, עסטרײַך, ענגלאַנד, טערקײ, פראַנקרײַך
און איטאַליען?..װאָס טוה איך , אַלזאָ, מיט דער אַרמײ פון זעכציג רי–
בוא, װעלכע קאָנען מיר מעהר שאַדען ברענגען װי העלפען? און מײן נישט
אַז דאָס איז אַ פּוסטע שװאַכע אַרמײ: אײנס-און-אײנס געקליבענע בחורים-
גבורים, װעלכע קאָנען גוט די קונסט פון מלחמה... נאָר װי אַזױ ניט
—. װי צו פאַרשטעהן . װי אַזױ? – – – – – – – – – – – – – –

319 133 78

20

70702

...... זעהסטו, פאטער: איצט וויין איך שוין ניט מעהר; איך קאן
שוין אלעס איבערטראגען און ניט וויינען... אפילו פאגראמען, יא ,
פאגראמען... מעהר נישט_ מיינע חברים סוד'ן זיך אלע ווילע אונטער
מיר און מיר אין די אויגען זאגען זיי, אז איך זאל זיך מעלדען
קראנק... איך פיהל זיך געזונד ווי א ריעז... איך האב זיך נאך קיינ_
מאל קראנק ניט געמאלדען... נאר איין מאל, ביינאכט, איז שיעור אן
אומגליק געשעהן : שטעהענדיג אויף דער וואך האב איך זיך אזוי צע_
שריגען, אז די דייטשען האבען גענומען שיסען, נאר שיסען אהן און אויפ
הער... אויך אונזערע האבען גענומען שיסען... און דאס אלעס איז
געווען שולדיג מיין שרייען, מיין פילדערן... דאס האב איך א פנים
אויסמושטירט מיין ארמעע...

מיין גאט

........ דיין לעצטער בריוו, וואס דו האסט מיר געשיקט, האט מיך
שטארק געפרעהט... אט דיין ברכה האט מיר פיעל געהאלפען. „דער גאט
פון דניאל, חוניה, מישאל ועזריה זאל דיר שטעהן אין דיינע נויטן, מיין
קינדו ער , דער גאט פון אונזערע נביאים, ער זאל דיך היטען און שי_
צען פון די אלע , וואס ווילן דיר שלעכטס טאן!"

בראווא, פאטער! דעם גאט נעם איך אן! דעם גאט פון מארטי_
רער, פון קדושים דער גאט פון אושפיזין, דער גאט פון די גלאטע
שעהנע אידן... דער גאט פון אונזערע נביאים_א, ער איז ווירקליך
גרויס, מעכטיג און ערהויבען. ער וויל נישט קיין תפילות.. ער האט
פיינט יינעכט.. און זוכט ניט קיין כאבאר.. דאס בלוט און פעטס פון די
אקסען וועלן איהם נישט איבערבעטען... ער איז א גאט און האט ליעב
מענשען, וואס זענען ווי געטער...

139

70703

# ב ר ו ך  ס אָ ב ל

---

דער גורל האָט געוואָלט, אז איך זאָל צוליב דיזעלבע איבערצייגונ-
גען-פרינציפן וואָס ברוך סאָבל מגולגל ווערן אין דיזעלבע ערטער וואָס
ער און אז איך זאָל זיך מיט אים טרעפן ערשט א קורצע צייט פאר דעם,
ווי מיר האָבן די דאָזיקע ערטער געמוזט פארלאָזן. - אזוי איז געווען
אין דער הויפט-שטאָט פון בוקאָווינע, וואו מיר האָבן אָפגעריבן גלות
נאָך דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע: מיר האָבן דאָרטן געוואוינט אויף
איין גאס און געהאָט געמיינזאמע חברים, אָבער באקענט האָבן מיר זיך
ערשט דאן, ווען מיר זענען פון דאָרטן גלייכצייטיק אָפגעפאָרן. אזוי איז
אויך געווען אין גאליציע, אזוי אויך אין עסטרייך.

ווען מיר האָבן זיך דערנאָך געטראָפן אין פאריז, האָבן מיר זיך
גוט באפריינדעט.

דיזעלבע אנשויאונגען-פרינציפן האָבן אונז ביידע באוויגן, באלד
ווי ס'איז דערקלערט געוואָרן די מלחמה, צו קומען אויף רי זשיראנד
נומ. 10 און דערנאָך אין אינוואלידן-הויז, - גלייך ווי מיר וואָלטן זיך
געווען פריער אָפגערעדט, ווי צו האנדלען. מיר האָבן דאן קיין צייט ניט
געהאָט צו רעדן: בלויז אונזערע בליקן האָבן זיך באגעגנט און מיר
האָבן זיך פארשטאנען איינער דעם צווייטן. דעמזעלבן טאָג זענען מיר
אָפגעפאָרן פון פאריז, אָבער, צום באדויערן, אין פארשידענע ריכטונ-
גען. ער איז שפעטער אָנגעקומען אין באטאליאָן „אָ" און איך - אין בא-
טאליאָן „ד" פון דעמזעלבן רעגימענט; מיר האָבן פארבראכט עטלעכע
חדשים צוזאמען אין די טראנשייעס פון דעמזעלבן סעקטאָר און זיך ווי-

2$ 140 70704

דער ניט געטראפן, ביז א צופאל האט אונז צוזאמענגעפירט.

דאס איז געווען סוף יאנואר 1915 אין די פעלדער פון ש א מ פ א ן. מיר זענען געגאנגען א גרופע סאלדאטן פון דער טראנשייע „ה א ר י ק א" אין שפיץ-צענטר פון „ב ו א-ד ע-ל א מ א ר" נאך וואסער און עסן פאר אונזער רעגימענט, וועלכער האט פארנומען די ערשטע ליניע און איז איבער דער העפטיקער באמבארדירונג פונם שונא אפגעריסן געווארן פון די איבעריקע רעגימענטן און פון דעם דערנערונגס-פונקט. אונז איז אויסגעקומען צו מאכן א היבשן אומוועג דורך די זיגזאגישע טראנשייעס ביז מיר זענען צוגעקומען צו דער קיך. גייענדיק פארביי דעם גרויסן זומפ פון „בוא-דע-לאמאר", וואס האט גע- פאר דער ערשטער ליניע דינט אלס וואש-פלאץ בעת ס'איז אנגעלאפן רעגן-וואסער, -דערזעען מיר איינעם זיצן ביים וואסער וואס איז גראד דאן געווען פארפרוירן און וואשן עפעס. אנגעטאן איז ער געווען אין א אוניפארם וואס האט פארלוירן דעם געוועזענעם קאליר, דער קאפ און דאס פנים איז געווען ארומגעוויקלט מיט שמאטעס און פארדעקט אזוי, אז מ'קאן/האט קיין מענטשנ'ס צורה ניט ארויסגעזען.

— אויב אין אזא פראסט געפינט זיך נאך אזא משוגע'נער וואס זאל זיך וואשן דאס וועט, מוזן אים די לייז שוין גוט דערגיין די יארן- היצלט זיך איינער פון אונז.

— ס'איז סאבלין! ווי קומסט איר אהערצו!.. — האט זיך ביי מיר ווען מיר זענען צוגעגאנגען נאענט ניט ווילנדיק ארויסגעריסן. זיינע אנדערע פאריזער פריינט האבן אים אויך דערקענט, און מיר זענען אלע געווען שטארק צופרידן פון דעם באגעגעניש.

פון דעם טאג אן האבן מיר שוין אנגעהאלטן דעם קאנטאקט צווישן אונז און זיך איבערגעשריבן, ווען מיר האבן זיך אויסגעפעלט ביים בייטן די באטאליאנען אין די טראנשייעס און זיך ניט געקאנט זען. מיר פלעגן זיך געבן ראנדעוואוז'ס אין די אפרו-ערטער, אייניקע קילא-מעטער וויַיט פון דער ערשטער ליניע.

141 70705

איידער מיר האָבן פאַרלאָזט שאַמפּאַן, האָבן מיר זיך געטראָפן און צוזאמען פארבראכט א פּאָר שעה אויפ'ן פרייען פעלד.

סאָבל האָט זיך געקלאָגט, אז ער האָט זער אָפטע בריוו פון פאריז וואָס פארביטערן אים צום איבעריקן זיין לעבן: [illegible] מ'שרייבט אים, אז ער זאָל זען וואָס גיכער אהיים צו קומען, אז אויב ער איז שוין באַגאַנגען א נארישקייט און אוועקגעגאנגען אלס פרייוויליקער זאָל ער דאָס איינד פאררי כטן; זאָל ער ניט פארגעסן, אז ער איז א טאַטע פון צוויי קינדער, וועלכע ער האָט איבערגעלאָזט אויף א פרוי וואָס קאָן זיי ניט דערנערן און דערציען; אז ער איז נאָך ערגער פון א מערדער וואָס הרג'עט מיט איין מאָל, בעת ער פייניגט און מאטערט זיי ביסלעכווייז ביז זיי וועלן אומקומען; אז פיל זענען שוין אהיים געקומען, זיך גענומען צום האנדל און מאכן גאָלדענע געשעפטן, נאָר ער איז געבליבן א נאר און א טויגעניכטס...

— ווער ווייסט? — אפשר האָבן זיי דאָרטן אין פאריז רעכט אזוי צו שרייבן: זיי זעען בעסער די זאכן, ווי מיר דאָ — רופט זיך אָפּ א טאַטע פון דריי קינדער, וואָס סאָבל'ס ווערטער האָבן דערוועקט זיין אייגענע וואונד.

— איך בין ניט איינשטימיק. ווער דאַרף וויסן דאָ אין די טראַנשייען, אז מיר לעבן ווי אין א גיהנום און וואַרטן יעדן מאָמענט אויפ'ן טויט, אז זיי איז דאָרטן שלעכט? וואָס קער זיך דאָס [illegible] אָן מיט אונז, וואָס אנדערע האָבן זיך ארויסגעדרייט, זענען געווען קליגער, געוואָרן רייך און רייכער; אז מענטשן מיט שכל גיבן זיך אן עצה ניט צו גיין אין פייער אריין? איז דאָס ניט זאַלץ וואָס מ'שיט אונז מיט אזעלכע ווערטער אויף די בלוטיקע וואונדן אונזערע?...

— אז מ'וויל איז דאָס אזוי און אז מ'וויל איז דאָס אנדערש; ווער, צו אלדע שווארצע יאָר, האָט אונז געשיקט, ווילד פרעמדע, זיך אנגאזשיבן און ברעכן דעם קאָפּ פאר אנדערע? וואָס פאר א אינטערעס

4$ 142 70706

נאך אלעמען_

האבן מיר אין דעם בלוטיקן שפיל? אז מ'קוקט זיך איין אין הויך פון
די געשעענישן, זעט מען זיי אנדערש ווי מ'וואלט וועלן און דארפן זיי זען.

גע
— ס'ווענדט זיך אין דעם_ האט דרויף געענטפערט סאבל_, דורך
וואסערע ברילן מ'קוקט, מיינע פריינט: קוקט מען דורך בלויע ברילן, ווייזט
אלעס אויס בלוי; קוקט מען דורך רויטע ברילן, ווייזט אלעס אויס רויט
און אזוי ווייטער און ווען מ'קוקט דורך שווארצע ברילן ווערט אלעס שווארץ.
„דער טייוול איז ניט אזוי שרעקלעך, ווי מ'מאלט אים אויס"! מיר האבן
געהאנדלט , ווי מענטשן מיט מענטשלעכע געפילן האנדלען און דארפן
האנדלען אין ענלעכע פאלן. דער מענטש איז א געזעלשאפטלעכע חיה
און ער קען ניט לעבן אן דער געזעלשאפט, און אויב ס'איז פאראן א
„צרת-רבים" דארף ער און מוז אויך מיטליידן.
— געטראפן!.. אויב, הייסט עס, ס'קומט פאר א מלחמה, איין וועל-
כער פעלקער רייסן זיך ארום און פארניכטן זיך קעגנזייטיק, דארפן מיר,
אלס מענטשן מיט מענטשלעכע געפילן, זיי העלפן פארניכטן און צעשטערן
זיך וואס שנעלער_ ניט אזוי? דאס זענען דיינע אויספירונגען, ליבער
פריינט?

— איך וויל גאר עפעס אנדערש פרעגן_ רופט זיך אן א צווייטער_:
ווי קומען גאר מ י ר אהערצו? ווי קומט דאס גאר, אז מ י ר מיט
א ו נ ז ע ר ע אנשויאונגען און איבערצייגונגען זאלן אזוי האנדלען
און ארגומענטירן, ווי מיר טוען דאס איצט?
— א ביסל געדולד און איבערלעגונג_ וועט אלעס פון זיך אליין
קלאר ווערן_ האט געענטפערט סאבל_. איך חזר איבער: [illegible]
[illegible] ס'געווענדט זיך פון שטאנדפונקט, פון וועלכן
מ'זעט [illegible] די זאכן און געשעענישן. ווען איינער קוקט ארויס פון א בארג
אין טאל אריין, זעען די הייזער אויס ווי שפילעכלעך און די מענטשן ווי
מילבן; אלעס וואס טוט זיך אפ אונטן איז קליין און נישטיק. פארקערט:

ווען דערזעלבער נעמט א פארגרעסערונגס-גלאז און באטראכט א נעסט
פון מילבן, ווערט ער איבערראשט פון זייער געוואלדיקער גרויס און
פון זייער קאמפליצירטער ארבעט._ ווען מיר קוקן אביעקטיוו-קריטיש
אויף דער מלחמה, זעען מיר אין איר בלויז שלעכטס און אומנוצלע-
כעס, א פארניכטנדיקע און צעשטערנדיקע קראפט. אנדערש איז אבער
ווען מיר באטראכטן די מלחמה סוביעקטיוו-פערזענלעך.

אט נעמט אונז אידן, למשל, וועלכע זענען אפילו קאסמאפאלי-
טיש און אולטרא-ראדיקאל מיט ווײטע באגריפן וועגן דער מענטשהייט
און אוניווערס, בענקט זיך אונז פארט נאך א אייגן ווינקל, וואו
מ'זאל זיך טאקע קאנען פילן ביי זיך, היימיש, אינטים און פריי.
ביי מיר אין דער היים פיל איך זיך פארט באקוועמער און פרייער, ווי
ביי א צווייטן. אז משה איז ארויף אויף דעם הימעל, האט ער זיך
זיכער נים אזוי פריי געפילט ווי אויף דער ערד; און אז דער מלאך
איז אראפ אויף דער ערד, האט אים יעקב בײגעקומען. הערקולעס
האט געקאנט ביי[ק]ומען און דערשטיקן אנטעי'ן בלויז דאן, ווען ער
האט אים אויפגעהויבן פון דער ערד און יענער האט דורך דעם
פארלוירן דעם באדן פון אונטער זיינע פיס, אין וועלכן ס'איז גע-
ווען זיין קראפט._ א פאלק וואס האט נים קיין באדן איז שוואך און
קאן קוים לעבן. אידן לעבן בלויז מיט די כחות פון דער ביבל-
פון
צייט; אין יעדן פון אונז געפינט זיך א/ מין אטאוויזם, וואס
מ'קאן זיך נים באפרייען, ווי מ'קאן נים איבערבייטן דאס הארץ
אדער די לונגען.. די אידייען, דערקענען, בייטן זיך צוזאמען מיט
דעם אלטער און אומשטענדן וואס באאיינפלוסן זיי. מיר מוזן מודה
זיין, אז טיף אין אונז בענקט זיך נאך א מקום-מנוחה; מיר ווילן
זיין גלייך מיט אנדערע פעלקער. אלע וואס האבן זיך אנגאזשירט
האבן געבענקט אדאפטירט צו ווערן פון א לאנד, וואו מ'זאל אויף

70708

144

זײ ניט קוקן װי אויף פרעמדע, װאו די קינדער װאָס לערנען זיך אין
די פראנצויזישע שולען זאָלן פילן און װיסן, אז זײ האָבן א רעכט
צו לערנען און האָפן צו מאכן א גוטע קאריערע אין דער צוקונפט,
באגלײַך מיט אלע אנדערע קינדער. אויב דאָס געפיל איז א פאטריאָטיש
געפיל, איז דאָס אָבער אויך א מענטשלעך געפיל. ס'מאכט ניט אויס,
װאָס אונז איז ניט גוט_װעט דאָס גוט זײַן פאר אנדערע אידן, אויך
אונזערע קינדער װעלן געניסן אומגעשטערט פון די פרײהײטן, צו
װעלכע מיר האָבן געשטרעבט.

— אויב אזוי, זענען די דײַטשע יונקערס זער גערעכט, די רוסי-
שע שװארץ-מאה'ניקעס דאָפּעלט גערעכט און די פראנצויזישע ראָיאליסטן
טריפל גערעכט...

— ס'איז נישט גלײַך. איך בין ארויסגעגאנגען פונם אידישן
שטאנדפונקט. מיר אידן, װאָס זענען אומעטום פרעמד און פארפאָלגט,
צוליב אונזער
װאָס האָבן אזויפיל געליטן פון שטאטלאָזיקײט און אינטערנאציאָנא-
ליסטישן גײַסט, קאָנען פארשטאָנען װערן, װען נאָך אזא לאנגן גלות
פארגינען מיר זיך צו שטרײַטן אין די רײען פונם לאנד װאָס האָט אונז
אָבער
אדאָפּטירט, בענקענדיק נאָך א הײם. די אנדערע פעלקער_ זײ האָבן אן
אײגן לאָנד זײַט הונדערטער יאָרן. זײ האָבן ניט דורכגעמאכט די
צרות און לײדן װאָס מיר, פארשטויסענע, האָבן דורכגעמאכט. זײ
קאָנען זיך פארגינען צו זײַן אינטערנאציאָנאליסטן. איך פרעדיק
ניט קײן רײנעם אלטרויזם, פאָטערלאנדלאָזיקײט. איך װיל נאָר זאָגן,
אז די פעלקער װאָס האָבן רײַכע קולטורן און נאטירלעכע רײַכטימער
צו
דארפן זיך ניט ארומרײסן אײנער מיט'ן צװײטן, שטרעבנדיק פארכאפן
נאָך א שטיק לאנד אָדער אן אנדער רײַכטום. פארקערט: זאָלן זײ זיך
פארײניקן און, אלס רײַכע שותפים, װעלן זײ קאָנען פיל אויפטאָן פאר'ן
גוטס פון אלעמען. מיר האָבן דאָך גאָרניט װאָס ארײַנלעגן אין שותפות,
װעט מען אונז ארויסװארפן, אז מיר לעבן אויף יענעמ'ס חשבון אלס
פאראזיטן, און דערפאר טאקע זענען מיר אזוי גרויסמוטיק און פאר-

געבעריש, ווען ס'האנדלט זיך אין פארמעגנס פון אנדערע פעלקער; דערפאר זענען מיר קעגן מלחמה. מיט אונז רעכנט זיך גאר ניט די וועלט, קאנען מיר דעריבער אונזער קול ניט אויפהייבן.

ווען די פעלקער וועלן אין דער צוקונפט קומען צום באוואוסטזיין און אפשאפן די גרענעצן פון לאנד צו לאנד און פון קלאסן צו קלאסן. וועלן מיר אין דער פעלקער-פאמיליע געפינען אויך אונזער פלאץ.

אידן זענען פון שטענדיק אן געווען די פיאנערן פון גרויסע און דערהויבענע אידעאלן. מיר זענען, גיט קוקענדיק אויף די גרויסע שטערונגען פון אינווייניק און פון דרויסן, דאך געווען דעם אוואנגארד פון דער ציוויליזאציע און וועלן דאס אויך ווייטער זיין. נאר אויב מיר האבן ביז איצט ניט פארלאנגען און ניט געקריגן קיין לוין פאר דער דאזיקער ארבעט, קאנען מיר שוין אבער ווייטער מער ניט אויסהאלטן די קלעפ וואס שיטן זיך אויף אונזער דערפאר...

מיר האבן זיך דאן געזעגנט מיט סאבל'ן, צווייפלנדיק, צי מ'וועט זיך נאך אמאל טרעפן אין לעבן. ס'איז אוועק א שטיק צייט און מיר האבן פון אים קיין ידיעה ניט געהאט.

פאר דער גרויסער אטאקע

דעם 9-טן מאי, פארטאג, האבן מיר, דער באטאליאן „ד", פארנומען די ערשטע דעם אריינגאנג פון דער פערם ב ע ר ט א נ ו י ל, וואס האט געפירט צו די אנדערע ליניעס. פאר אונזערע אויגן זענען דורכגעגאנגען די אנדערע באטאליאנען פון אונזער פרעמדן לעגיאן: צום ערשטן „ב", דערנאך „צ" און צום לעצטן „א". די גאנצע צייט וואס די באטאליאנען האבן דורכמארשירט די שמאלע טראנשייען אין א אינדיאנער שנור אונטער'ן איינער נאך צווייטן – זענען מיר געשטאנען ביים קרייץ-וועג און, דערזעענדיק באקאנטע, זיך הערצלעך מיט זיי געזעגנט: דאס איז געווען די לעצטע געלעגנהייט זיך צו זען מיט פריינט און באקאנטע פאר דער אטאקע. באלד ווי מיר האבן דערזען די ערשטע קאמפאניע פון באטאליאן

„אַ" האָבן מיר זיך גענומען אָנגעשטרענגט צו קוקן און זיך נאָכ-
פרעגן וועגן סאַבל׳ן. מ׳האָט אונדז געזאָגט, אַז ער איז פאַררעכנט אין
דער 3-טער קאָמפּאַניע. ווען די 3-טע קאָמפּאַניע האָט גענומען דורכמאַר-
שירן, האָבן מיר ניט דורכגעלאָזט קיין איינציקן סאָלדאַט, ווען מיר
זאָלן ניט האָבן געפרעגט, וואו איז סאַבל:

— וואו איז סאַבל? ברוך סאַבל? — אָבער אין קול ואין עונה.
אַזוי זענען אַלע סאָלדאַטן דורכגעגאַנגען און סאַבל׳ן האָבן מיר ניט
געזען.

שוין נאָך דער אַטאַקע האָט אונדז איינער, וועלכער איז געווען
מיט סאַבל׳ן אין דערזעלבער קאָמפּאַניע, דערציילט, אַז ער פלעג שטענדיק
טרעפן סאַבל׳ן אַרומבלאָנדזשען אַ פאַרטראַכטער אַרום די געצעלטן.

אַ צווייטער, פון דערזעלבער סעקציע וואָס סאַבל, האָט אונדז דער-
ציילט, אַז סאַבל פלעג די לעצטע צייט זיין שטאַרק באַשעפטיקט מיט פאַברי-
צירן פינגערלעך, בראָשן און אַנדערע פון דעם ~~אַלומיניום~~ אַלומיניום, וואָס
ער פלעג צונויפקלויבן פון די דייטשע און עסטרייכישע געשאָסענע קאַ-
-קוילן
נאָנען וואָס האָבן זיך געוואַלגערט איבער די פעלדער. דאָס האָט ער אָנגע-
גרייט אָנדענקען וועגן זיך פאַר זיין פאַמיליע...

באַלד האָבן מיר באַקומען אַ בריוו פון אונדזער׳ן אַ געמיינזאַמען
חבר אַלס ענטפער אויף אונדזער אָנפראַגע, צי האָט ער געזען סאַבל׳ן
די לעצטע מינוטן פאַר זיין פאַרשווינדן אויף אייביק פון אונדז:

„ דער נאָמען ב ר ו ך ס אַ ב ל, ווען עמיצער אַנדערש רעדט אים
אַרויס, מאַכט מיך איבערציטערן. איך פלעג זיך ווינטשן פון תמיד אָן
צו זיין אויפ׳ן אָרט פון זיין טייער יינגעלע, וועלכער פלעג האָבן אַ
טבע זיך שטענדיק אַרומפלעכטן און הענגען אַרום זיין האַלדז, אים
צערטלען און קושן, קוקן אים די גאַנצע צייט אין די טיפע מילדע אויגן
אַריין און מיט די הענטעלעך זיך שפּילן מיט זיין בלאָנד שפּיציק בערדל.

9($ 147

70711

א זעלטענער מענטש איז ער געווען, מיט א ברייט אפן הארץ און א שטענדיק שמייכלדיק פנים; זיינע אויגן האבן יעדן פארכישופט מיט דעם ערשטן בליק, זיין ריידן האט באלד געווינען יעדע'ס [illegible]. פאר יעדן האט ער געהאט א גוט ווארט, יעדן געפונען א זכות, קיינעם ניט מקנא געווען און אויף קיינעם קיין תרעומות ניט געהאט. ער פלעג זיך קיינמאל ניט האלטן העכער פון צווייטן מיט דעם וואס ער קאן און ווייסט מער פונם אנדערן — א געבוירענער אינטעליגענט מיט א מענטשלעכער נשמה. אין זיין געגנווארט פלעג איך מיך פילן ווי א געפיעשטשעט קינד וואס וויל, אז מ'זאל נאר אים שענקען די גאנצע אויפמערקזאמקייט און זיך מיט דעם שפילן די גאנצע צייט.

הגם ער איז ניט פיל עלטער געווען פון מיר, האב איך אים דאך באטראכט, ווי א פאטער אדער עלטערער ברודער. — ס'איז אין אים געווען פולקאמענעס וואס פעלט געווענלעך אונז מענטשן, און דאס, וואס אים האט נאך געפעלט — ווי אים אליין האט זיך שטענדיק אויסגעדאכט — האט ער געוואלט זען ביי זיין קינד, וועלכן ער האט זיך באמיט צו דערציען אלס א פולקאמענעם מענטשן און קינסטלער. ער האט געהאלטן, אז מוזיק איז דער העכסטער און שענסטער אויסדרוק פון דער נשמה אונזערער; אז זי איז די שפראך פון די געטער, ווי נעקטאר איז זייער געטראנק. — און דעריבער האט ער געוואלט, אז זיין זון זאל זיין א מוזיקער. פון די מוזיקאלישע אינסטרומענטן האט ער אמבעסטן ליב געהאט דעם פידעל, וועלכער קאן אויסדריקן די צארטסטע טענער פון דער מענטשלע-כער נשמה, קאן אמבעסטן ריידן די געטלעכע שפראך און דערנייט דער-הייבן אונז צו דער מדרגה פון אמת'ן גליק און שענסטע טרוימען...

די לעצטע צייט פלעג ער פיל לעזן, אבער נאך מער טראכטן און באטראכטן דאס ארומיקע לעבן און די מענטשן ארום זיך:

— צו וואס טויג דאס פילע לעזן? — האט ער מיר איינמאל א זאג

108 148

געטאן, ווען מיר זענען געזעסן צוזאמען -- קוק זיך בעסער איין אינם לעבן וואס פליסט ארום דיר, וועסט געפינען שענערס און אינטערעסאנטערס פון אלע דערציילונגען און באשרייבונגען. יעדעס מענטשלעכעס פנים דערציילט דיר מער, ווי דו געפינסט אין די ראמאנען. דער שענסטער ספעקטאקל איז דאס פילמארביקע לעבן גופא, די שענסטע דעקאראציע איז די זון ביטאג און די לבנה מיט די שטערן ביינאכט. אין דער נאטור געפינסטו מער ווי אין די [illegible] וויסנשאפט־לעכע ביכער...

איינער, זיינער א טלאבט-פאק חבר, האט דערנאך איבערגעגעבן, אז בשעת דער אטאקע האט ער זיך געפילט זער שלעכט און קראנק. ער איז פון שמערצן און בויך-גרימענישן געלאפן פון איין ארט צום צווייטן און, אזוי לויפנדיק, געכאפט, ווארשיינלעך, א קויל...

149

70713

28/5/1915

טײערער פרײנט,

ס׳איז נאך דא א האפענונג, אז אונזער ליבער ס א ב ע ל זאל בלײבן לעבן. איבערהויפט קאן מען ניט שטענדיק אויף זיכער זאגן, אז דער פארװונדעטער װעט שטארבן און יענער װעט בלײבן לעבן; װײל ס׳טרעפט, אז אײנער האט איז שטערבליך פארװונדעט זאל זיך אויסדרײען און בלײבן לעבן און א צװײטער װאס האט באקומען א לײכטע װונד און אלע האבן אים מקנא געװען זאל דװקא שטארבן.

דאס בילד, װי סאבעל איז פארװונדעט געװארן, װעט מיר תמיד שטײן פאר די אויגן. איך קאן איך אבער דאס איצט ניט באשרײבן: ס׳װאלט בײ מיר צוגענומען צו פיל נערװן-קראפט, און דאס האב איך איצט נאך די דורכגעמאטערטע שלאכטן ניט פיל. איך האב איצט פיל אזעלכע אײנדרוקן פון פרײנט און חברים װאס בלײבן בײ מיר מיט בלוט פארזאפטן אין הארצן, און װען איך װאלט קענען זײ ארויסגעבן אויפ׳ן פאפיר װאלט מיר פיל לײכטער געװארן אויפ׳ן הארצן. איך קאן נאך ניט זײן אביעקטיװ און דאס אלץ איבערגעבן. ס׳פאדערט זיך נאך א געװיסע דערװײטערונג פון די אײנדרוקן, א פערספעקטיװע. די װאונדן זענען נאך צו פריש, דער טויט לויערט נאך אומעטום. נײע בלוט-בילדער און שוידערלעכע געשעענישן קומען כסדר צו און שטײגן איבער אין זײער גרויזאמקײט די אלטע בילדער און פארטוישן זײ. מײן שטימונג קאן מען פארגלײכן מיט דעם נשמה-צו-שטאנד פונם באזיגטן עגיפטישן קעניג, װען מ׳האט פאר זײנע אויגן דורכגעפירט זײנע פרײנט און מיניסטארן געשמידט אין קײטן, נאכדעם זײן טאכטער אלס שקלאפין און געשמידט אין קײטן-און ער האט אלץ געשװיגן און נאר שטאר געקוקט אין דער װײטקײט ארײן; ערשט װען מ׳האט אײנעם זײנעם א דינער דורכגעפירט, האט זיך בײ אים געעפנט דער קװאל פון טרערן. מײן בראך פריער איז געװען צו שטארק, אז איך זאל האבן געקאנט װײנען.

150

70714

אין א געוויסער צייטונג, וואָס די דייטשן האָבן אונדז דורכגעשמוגלט אין דער טראנשייע, האָט זיך געפונען א אויפשריפט אין פראנצויזיש, געשריבן מיט א בלייַשטיפט: „איז דאָס אמת, אז יעדער פון אייך וויל דעזערטירן?" אויב יאָ, גיט אונדז צו וויסן, ווי דענקט איר וועגן דעם באלקאן. און ווען וועט שוין נעמען א ענדע צום ברידער־קריג.? איך האָב אויף א שטיקל פּאַפּיר אָנגעשריבן אויף דייטש, אז דאָס בעסטע וואָלט זיין פאר ביידע פעלקער, אז זיי זאָלן מאכן א רעוואָלוציע יעדעס בײַ זיך אין לאנד; דאן וועט נעמען א ענדע, און פון פײַנט וועלן מיר ווערן די בעסטע פריינט.

הגם אלע מײַנע רוסישע קאָלעגן זענען אויסגעשטראָכענע ספּעציאליסטן, בין איך דאָך געטאָדעלט געוואָרן פאר מײַן, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדרוקט, ניט איבערגעלעגטן טריט. איך האָב געמוזט שווייגן: צו גײ ניב זײ ארויס אלץ וואָס עגבערט מיך אזוי לאנג. כדי אויסצוהויבן שקלאפן קעגן זייערע הערשער דארף מען, ווייזט אויס, האָבן אָדער די פיזישע קראפט פון א ה ע ר ק ו ל ע ס, אָדער די מאָראלישע קראפט פון א פארצייטיקן נביא, צי גאָר זיין א ס פּ א ר ט א ק. ־דערצייל די קינדער די געשיכטע פון ספּארטאקוס און זאָלן זיי פײַנט באקומען די קנעכטשאפט אין אלע אירע פאָרמען. ווייז זיי אויך די פאריזער קאטאקאָמבעס און פלאנץ אין זיי ארײַן א שטארקן גלויבן אין זייערע כוחות.—

וואָס דענקסטו וועגן קאָמיטעט וואָס זוכט מאטעריאל און זאמעלט שטאָף אויף ארויסצוגעבן די געשיכטע פון די פריוויליקע אין פראנקרייך? איך גלויב, אז פאר מײַנע זכרונות איז דאָרטן קיין פלאץ ניטא. זיי שטעלן אלץ דאָרטן צונויף אויף זייער שטייגער און מיט באַזונדערע כוונות, אזוי אז זיי וועלן דאָרט גענוג ליגענס אנדערציילן וועגן אונדז.

151

70715

אויב די צייט וועט דיר דערלויבן, זאלסטו, טייערער פריינט, דיר גיבן די מי איבערצולייענען מיין בריוו אין צוויי פארזעצונגען, וואו איך בעשרייב מיינע אינערליכע שטרייטן און די ויכּוחים וואס איך פיר מיט מיר גופא. איך האב שוין איינגד אנגעהויבן דעם עקספערימענט. איך האב געשלאסן שלום מיט די פיינט – און ~~עללל~~ דוקא אז די גרויסע וועלט-דיפלאמאטן און זיך אפילו ניט אנגעפרעגט אין די פארלאמענטן: אויף מיין אייגענער אחריות. מיר האבן זיך שוין פארשטענדיגט אויף דעם פונקט, אז ניט מיר און ניט זיי וועלן זיין די זיגער און קיינער וועט ניט דארפן צאלן קאנטריבוציע. ס'בלייבן בלויז צוויי פונקטן, אויף וועלכע מיר האבן זיך נאך ניט פארגליכט: ערשטענס – רעוואלוציע אין אלע קריגפירענדע לענדער, צווייטענס – פאלקס-געריכטן אויף די העצער און פאראורזאכער פונם קריג. די אונטערהאנדלונגען זענען נאך היינט ניט איבערגעריסן, ס'קאן נאך האבן אויף א גוטן רעזולטאט.

די ידיעה, אז מיין ברודער שמואל וויל באגיין א אומבאטראכטן שריט און זיך אנגאזשירן אין דער ענגלישער ארמיי האט מיך ארויס-געבראכט פון די כּלים. מיינע נערוון זענען אזוי אויך גענוג אנגע-צויגן. איך ווייס ניט, צי איז דאס דערפאר, וואס ער איז מיר אזוי נאענט, צי דער טייפעל ווייסט וואס. ער צו מיר איז אויך שטארק צוגע-בונדן. איך ווייס, אז זיין כּאראקטער איז ענליך צו מיינעם; ער באגייט א טאט ניט ווייל דער שׂכל הייסט אים אזוי, נאר צוליב זיין געפיל וואס ער איז ניט אימשטאנד צו באהערשן. איך שרעק מיך פאר אים פיל מער, ווי ~~אלל~~ פאר מיר גופא. אט אזוי בין איך. אזוי, ווען איך בין גע-גאנגען אויף דעם דינעם שטריק און געמאכט קונצן, בין איך מיר גע-ווען גאנץ רוהיק און האב נאך דערמיט געהאט פארגעניגן; זע איך אבער אין א ציִרק ווי יענער גייט אויף אזא שטריק, פאלט מיר דאס הארץ ארויס.

159

70716

דערצײל די קינדער די ליבע פון דוד און יהונתן, ווי דעם לעצטן
האָט גאָר ניט געאַרט, אז זײן טראָן וועט אַריבערגײן צו זײן פרײנט, אַנ-
שטאָט צו אים ג׳ומא. אויך שילדער זײ דעם טויט פון שאול מיט יהונתן
אויפ׳ן באַרג גלבוע און די גרויסאַרטיקע קלאָג-ליד פון דוד׳ן.

153

70717

מאַריוס, דער „דערציילער״, שטאַמט אַליין פון די איטאַליענישע אַלפּן ניט ווייט פון די הויכע סאַוואָיאַ, איז אָבער אַלס קינד געקומען קיין פראַנקרייך. אין פּאַריז ער ויגן געוואָרן צו אַ זעלבשטענדיקן. (ווינשין) אַדאַנק זיין פּראָפעסיע פון אַ דאַמען-שניידער, איז ער געוואָרן ~~אַ אין שפּראַכן, סיי אין מענטשן-קענטעניש~~ אַ פּאָליגלאָט.

אין אָנפאַנג פון קריג איז ער געלאָפן זיך אָנשליסן אַלס פריי־ווילי־גער אין דער פראַנצויזישער אַרמעע, גלייך מיט זיינע איבעריקע חברים פון שניי־דער-פאַך, וואָס האָבן געאַרבעט אין דער „גאַלערי לאַפאַיעט,״ „אין פּרענטאַן״ און אין אַנדערע גרויסע געשעפטן פון פּאַריז.

די צווייטע אַטאַקען פון פרילינג 1915 האָט ער געמאַכט מיט אונז אין פרעמ־דען לעגיאָן. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט איינצושליסן זיך אין ~~[illegible]~~ די גאַריבאַלדיס וואָס האָבן זיך געגרינדעט אַלס ספּעציעל אויסשליסלעך איטאַל־יענישער באַטאַליאָן. און ווען דער פרעמדען-לעגיאָן איז געקומען אין די פּלאַנ־טעס פון דער יורא-געגענד זיך אַביסל אויסצורוען פון די אַטאַקען און זאַמ־לען פרישע כוח, זיך צו פאָרמירען אויף ס׳ניי פאַר אַ מאַרשירענדיגן רעגימענט אויף ווייטערע אַטאַקען, איז מאַריוס געקומען אין אונזער אָפּטיילונג און זיך מיט אונז באַפריינדעט.

די הויפּט-אַרבעט אונזערע אין יענער געגענד איז געווען צו קלעטערן אויף די אַרומיגע בערג און מאַכן מאַנעוורעס פון ווייטע שטרעקן. ווייטער איז סיי די איבונגען, סיי די דיסציפּלין ניט געווען באַזונדערס שווער און די נאַכטן (פּאַרטיזאַן) נאָך דעם אַפּעל פלעגן זיך פאַרזאַמלען גרופּן סאָלדאַטן דאָ אין פּלאַנטע (לבן ווין) דאָ אין פּלאַנטע באַ און חלומען וואַכענדיג פון אַ פריי ציוויל אומאָפּהענגיג לעבן.... ווען מיר פלעגן שוין מיד ווערן חלומען, דאַן פלעגט מען זיך נעמען זינגען האַרציגע עלעגיע בגונים, וואָס יעדער האָט מיטגעבראַכט פון זיין לאַנד און פון זיין היים. און אַז מען ספּעט איז מיד געוואָרן זינגענדיג - פלעגט מען זיך נעמען דערציילן געשיכטעס און אַזוי אַרום פאַרגעסן אָן דער ווירקליכקייט.

איינמאָל איז מאַריאַוס געקומען מיטאַ ניעס אונדז דערציילן: ער האָט באַקומען אַ בריוו פון זיינעם אַ פריינט, װעלכער איז אַװעק דעם צװייטן אַװגוסט אויפן פראָנט פאָם איבערלאָזענדיג זיין יונגע פרוי ניט לאַנג נאָך דער חתונה, װעלכע ער מאַריאַוס, האָט גוט געקענט אַלס ערענסטע איבערגעגעבענע פרוי. איז דער פריינט, קומענדיק אַהיים פאַריגע װאָך אויף קורצע קאָנװאַלעסצאַנס, נאָך דריי חדשים ליגן אין שפּיטאָל מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס, טרעפט ער זיין פרוי אין זיבעטן חודש...

- נו, װאָס איז דער װאונדער - מישט זיך איינער פון אונדז אַריין אין געשפּרעך - ס'איז קריג, מען הרגעט אויס טאָג טעגליך אין די טויזנטער מענשן, דאַרפן זען עס זאָלן געבאָרן װערן נייע מענטשן צו ניט ? און װאָס איז דער אונטערשייד װער דער טאַטע איז פיעת צן פאָול ,אַבי מע פלאָדעט קינדער.-

- װאָס קומסטו מיט דיין פילאָזאָפיע, ניט יעדער דענקט אַזוי װיט װי דו - ענטפערט מאַריאַוס, - מיין פריינט פון בריוו איז אַ דורכשניטלעכער מענש, בטבע ניט קיין שלעכטער, נאָר אַזאַ זאַך האָט ער ניט געקענט איבערטראָגן גלייכגילטיג און איך גלויב אַז יעדער איינער פון אונדז װאָלט ניט געװען בעסער פון אים אין אַזאַ מאָמענט, און דו, מיין גריבלער, אויך ניט, קיינער װאָלט אַנדערש ניט געהאַנדלט... - װאָזשע האָט ער געטון - האָבן מיר געפרעגט.

- ער האָט די גאַנצע מעבעל צעבראָכן, די פרוי אַזוי לאַנג געשלאָגן, ביז זי האָט געמפלט... אַצונד ליגט די פרוי אין שפּיטאָל, און ער װאַרט אין דעפּאָ מיט זיין פאַרקריפּלטן פוס אָפּגעשיקט צו װערן אויפן פראָנט...

- דאָס בעסטע װאָלט געװען, װען מען שיקט אַלע חודש אָדער אַלע צװיי חדשים, די מענער פון פראָנט אויף אַפּאָר טעג אַהיים, װאָלטן ערשטענס די פרויען געבליבן געטריי זייערע מענער און קינדער װאָלטן זיך געמערט אויף װאָס די װעלט שטייט....

- װאָס קומט אַרויס: טי װי טי װעט מען שוין אַזוי גיך דאָס נאָרמאַלע לעבן פון דער געזעלשאַפט ניט צוריקברענגען װי ס'איז געװען, דער עיקר - דאָס פאַמיליען-לעבן, װאָס איז צעבראָכן פיזיש װי מאָראַליש אויף לאַנגע,

לאַנגע צײַטן. אַט איז אַ פֿאַקט, זעצט פֿאָר דער זעלבער, װאָס מיט מיר אַלײן האָט ניט לאַנג געטראָפֿן:

- אין מאַנטביאַרד, האָב איך, װי מיר אַלע געגלױבט, אַז מיר װעלן פֿאַר-בלײַבן אין דעם „שאַטאָ" אַממינדעסטן אַ חודש צײַט. און פֿון מײַן פֿרױ באַקום איך טאָג טעגליכע בריװ מיט בלוטיקע טענות אױב איך קען ניט קומען צו איר כאָטש אױף עטליכע טעג אין אַ פּערמיסיאָן, װעט זי קומען צו מיר... אַלײן איז מען דאָך אױך אַ מענטש, מע װיל לעבן, אַזױ לאַנג װי מיר זײַנען גע-לעגן אין די טראַנשעען און ניט געזען פֿאַר זיך קײן לעבעדיקע באַשעפֿעניש, איז נאָך געװען צו דערלײַדן; דאָס אָפֿטע באָמבאַרדירן האָט ניט נאָר אונדז פֿאַר-שלאָגן דאָס געהער, נאָר פֿאַרטריבן דאָס געהירן און דעם פֿאַרלאַנג צום לעבן אַפֿילו. און דאָ פּלוצלונג, געפֿינען מיר זיך אין אַ שטאָט מיט מענטשן און דער-מיט פֿרױען. דו גײסט אַרױס פֿון דעם „שאַטאָ", ערשײַנען פֿאַר דיר שײנע, יונגע פֿרױען, אין ליכטיקע העלע קלײדער, דעקאָלטירט אַז סע נעמט די לעבער און

.....

פֿאַלט מיר אײַן אַ געדאַנק צו לאָזן קומען מײַן פֿרױ פֿון פּאַריז: איך זאָג „לאָזן", װײַל ניט קוקנדיק דערױף װאָס זי פֿלעגט מיך ניט לאָזן לעבן מיט אירע בריװ און איך האָב אַזױ געגאַרט זי צו זען, האָב איך געװאוסט, אַז ס׳איז אַ אונמעגליכקײט, אַז מיר זאָלן זיך זען, ערשטענס װעט זי ניט קענען קומען צו מיר, װײַל מיר געפֿינען זיך אין דער מיליטערישער זאָנע, און צװײ-טענס, איז אונדז גאָר פֿאַרבאָטן צו שרײַבן אַהײם װאו מיר געפֿינען זיך, אין אַ װאָסער געגענט. נאָר, װי געזאָגט, איך האָב געלאָזט די זאַך גײן. מײַן פֿרױ האָט מער ניט געדאַרפֿט. אין אַ פּאָר טעג אַרום, מיר קומען אַרײַן אין שאַטאָ פֿון די מאַנעװרעס, מיעד, צובראָכן, פֿאַרשװיצטע, ברודיק, בלאָטיק, פֿאַר׳ן טױער פֿון הױפּט אַרײַנגאַנג, זאָגט צו מיר אײנער פֿון מײַן עסקאַדראָן, גיעב נאָר אַקוק: אַ פֿרױ שטײט! איך גיב אַ קוק אין דער ריכטונג װאו ער װײַזט מיר אָן. מײַן פֿרױ! . זי האָט מיך דערזעהן, איז זי געבליבן װי פֿאַרשטײנערט, װען ניט מײַן

שטימע,וואָס זי זיך געוואָרען,וואָלט זי מיר אין לעבנסטאָג ניט געזאָגט אַז דאָנ
בין איך. אחוץ די·באָרד מיינע, וואָס איך האָב זיך פאַרלאָזט אין די טראַנשעען,
איז מיין גאַנץ אויסזען גאָר אין גאַנצען פאַרענדערט געוואָרען גאָר ניט צום
דערקענען און זי האָט אָנגעהויבען ציטערן און שטאַמלען: דאָס זענט איר...
ביסט...און די טרערן האָבען איר גענומען שטיקען אין האַלדז.

- דאָס אַלעס וואָס דו האָסט אונז דערציילט ביז אַהער, איז גוט פאַר א
ראָמאַן,אָבער דערצייל אונז דער עיקר,- האָט זיך א חיצלינג אָפּגערופען,מיט
א שטאָך,וואָס איז דער עיקר.- איך בין באַלד צוגעלאָפען צום סערזשאַנט-מאַזשאָר
- זעצט פאָר דער דערציילער,בעטען א פערמי אויף צו XXXX זעהן מיין טרוי.
האָט ער געזאָגט,אַז דער קאַפּיטאַן איז נישטאָ,און ער קען ניט געבען קיין ער-
לויבעניש אָן דעם קאַפּיטאַן'ס אונטערשריפט. נאָר איך בין באַשטאַנען אויף
מיינעם און ניט געוואָלט אזוי מיט גאָר נישט אַוועקגיין,אין דער צייט ווען מיין
פרוי שטייט פאַר'ן טויער און וואַרט אויף מיר. דערווייל,ווי איך שטעה אזוי,
קומט צו דער אַדזשיוטאַנט און הערט ווי איך טענה זיך אויס מיט'ן סערזשאַנט
מאַזשאָר. - וואָס,גייעט ער זיך א חאַפּ אָן,דאָס איז דיין פרוי וואָס איז געקומען
פון פאַריז ?- יע,מיין אַדזשיוטאַנט ! - האָסט רעכט,מיין יונגל,זי איז א
שיינע פרוי,לאָז איס אָפּ אויף א שטונדע צייט ,-רופט ער זיך אָפּ צום סערזשאַנט-
מאַזשאָר. - זי שטייט דאָ פון אין דער פרי אָן בייס טויער,און מען האָט איר
שוין ערומגעפירט ווייזען אָפּשר א האַלבען גאַרניזאָן סאָלדאַטען,און ניט נאָר
זי האָט זיך ניט געוואָלט אויסקלייבען קיין איינעם....האָסט א געטריע ווייב,מיין
אַלטער!...
- דער סוף איז געווען,אַז מען האָט מיר געגעבן בלויז א שטונדע
צייט איך זאָל [illegible] אין שטאָט מיין פרוי,נאָר די הויפּט-זאַך,איך זאָל
גיין מיט די הינטער געסלעך,ווייל ס'איז שטרענג פאַרבאָטען פאַר סאָלדאַטען זיך
ערומצודרייען אין מיטען טאָג אַליין אין שטאָט און ווען אָן אָפיציר טרעפט
מיך אין שטאָט,קען נאָך דער סערזשאַנט-מאַזשאָר האָבען א פּסק דערפאַר.

- א שטונדע צייט איז דאָך גענוג.. האָבען עטליכע אויסגערופען מיט
אַמאָל און די איבריגע האָבען באַ זיי גענומען גלאַנצען .

- איך האָב אַפֿילו קיין צײַט ניט געהאַט מיט איר צו ריידן ווי סע געהער צו זײַן.

- ביסט אַ שלים מזל - האָבן זיך אײַניגע אויסגערעדט. - איך האָב געמוזט צוערשט געפֿינען פֿאַר איר אַ קוואַרטיר צו וואוינען, און ביז איך האָב געפֿונען - איז די שטונדע פֿאַרבײַ..

- האָסטו אַזוי גלאַט פֿאַרלאָזט דײַן פֿרוי, נאָך אַזאַ צײַט וואָס דו האָסט זי ניט געזעהן?!...רײַצן אים אָפּאָר.

- איך האָב געוואוסט אַז נאָך מיטאָג, פֿינף אַזייגער וועט מען מיר געבן ער-לויבעניש אויף אַ גאַנצע נאַכט, וואָס דאַרפֿן מער! נאָר איך האָב אַ טעות געהאַט, קיין ערלויבענס אויף אַ נאַכט האָט מען מיר ניט געגעבן און איך האָב געמוזט קומען צום אַפּעל ניין אַזייגער אין דער קאַזערנע שלאָפֿן, ווײַל ס'איז די קריגס-זאַכע און מען טאָר ניט פֿאַרלאָזן די קאַזערנע. און בײַ טאָג, ווען חברה האָבן זיך דערוואוסט אַז מײַן פֿרוי איז געקומען פֿון פּאַריז, זײַנען זיי געקומען זי זען און אָפּנעמען אַ גערוס יעדער פֿון די זײַניגע, אַזוי אַז איך האָב ווידער ניט גע-האַט קיין צײַט צו זײַן מיט מײַן פֿרוי אַליין אויג אויף אויג. אין מיטן דעריאַ-נען ווערט שפּעט די צײַט, ניין אַזייגער מוז מען שוין זײַן אין „שטאַט'' צום אַפּעל

- ביסטו וואָס דאָס געבליבן ווי טאַנטאַל ניקולט אים אַ ווינצלינג.

- ניט געכאַפּט, מײַן ליבער, הער אויס ביזן סוף, ווערט דער דערציילער ספּאַסט דרייסט. - איך בין געקומען צום אַפּעל גלײַך מיט אַלע, נאָר איך האָב ניט גערוט. די חברים פֿון עסקוואַד מיט'ן קאָפּראַל האָבן מיט מיר געליטן און מיט-געפֿיהלט און געזוכט אַ אויסוועג ווי אַזוי איך זאָל זיך אַרויסגנבענען פֿון „שטאַט'' אין שטאָט אַרײַן צו מײַן פֿרוי. איך דאַרף דאָך איך ניט דערציילן און אויסמאָלן דעם מאָנבעליאַרדער שטאָט, דאָס איז אַ מיט פֿעסטונג פֿון רעכטן מי-טלאַלטער, וואָס שטייט אויף אַ באַרג און ווען דער אײַזערנער טויער פֿון אַרײַנגאַנג איז געשלאָסן, קען מען שוין זײַן קלוג ווי דער דײַוול אַליין, - וועט מען האָבן אײַקאָרופּעם סוף, ווען מען וויל זיך אַרויסגנבענען פֿון דעם שטאָט. נאָר וואָס טוט איך, - אַ איד אַ למדן גיט זיך אַ עצה. געפֿין איך אַ שטריק, וואָס איז

158 70722



געלעגן פון קדמונים אין אַ קאַמער פון דעם שטאָט און נעם דעם שטריק, בינד אים צו צו אונזערער אַ גראַטע פון אַ קליין פענסטערל וואָס קוקט אַרויס פון דער גלאַטער, שטיינערדיקער וואַנט פון באַרג אַ מעטער צוואַנציג די טיף און אַזוי ווי ס'איז נאָר פינסטער געוואָרן - האָב איך זיך אַראָפּגעלאָזט מיטן שטריק פון דעם מויער און מיט די הינטער געסלעך זיך געלאָזט גיין זוכן, מער מיטן אינסטינקט ווי מיטן פאַרשטאַנד, דעם האָטעל וואו מיין פרוי האָט געוואוינט.

איך געה ניט אָפּ קיין פופציג שפּאַן, הער איך טריט פון מערערע מענשען, - גיב איך זיך אַ שאַר צו אַ וואַנט און בלייב שטיין ווי אַ סטאַטוע, מער טויט, ווי לעבעדיג און האַלט איין דעם אָטעם: שטעלט איך פאַר אַ נאַכט פּאַטרול קומט מיר גלייך אַנטקעגן, דאָס גליק וואָס זיי זיינען דורך, און מיך ניט באַמערקט. מיט האַרצקלאַפּעניש בין איך נאָך לאַנגע זוכן און טרומטאַפּען אין דער פינסטער צוגעקומען צום וואוינונג פון מיין פרוי. איך קלאַפּ אין דער טיר - מען ענטפערט מיר ניט. איך קלאַפּ שטאַרקער - דאָס זעלבע שטיל-שווייגן. איך ווער שוין אומרוהיג, און קלאַפּ אָן אויפהער. ערשט רופט זיך אָן אַ וויינענ-דיגע פרויען-שטימע: -ווער איז?... איך !-ענטפער איך אויפן קול.-עפען אויף. - ווער איך..ץ דו, מיין ליבער.. דו..שטאַמעלט מיין פרוי אונטער דער טיר.- איך, אודאי איך, ווער דען הילכטו זאָל קומען, דער קאָנסיערש, ווער איך ביי זיך רואיגער און שטיפער. מיט שווערער מיה, האָט מיר מיין פרוי געעפענט די טהיר. איך קום אַריין - אַ איבערקערעניש: דער טיש מיט די בינקלאך צו-זאַמענגערוקט צו דער טיר, אויפן טיש ליגט דער דיטשער רעוואָלווער (וואָס איך האָב מיט זיך געפירט פון דער ערשטער אַטאַקע און ביי טאָג געלאָזט מיין ווייבעל) די פרוי מיינע שטייט דערשראָקן און [struck out] ציטערט, די אויגן פאַרלאָפן מיט אַ טרערען און קען ניט אויסריידן קיין וואָרט. אַ היבשע ווילע האָט געדויערט, ביז איך האָב ביי איר געקענט אַרויסקריגן וואָס מיטאיר האָט געשען: וואָס איז : אַ האַלבע שטונדע פאַר מיין אָנקומען, הערט זי אַ קלאַפּען אין טיר. גיט זי אַ פרעג: -ס'איז דו, ליבער? ענטפערט מען איר ניט, נאָר מען קלאַפּט ווי-טער. פרעגט זי ווידער אַמאָל: דו בינסט עס. קיין ענטפער. נאָר די קלעפ ווע-רען שטאַרקער. הערט זי שוין אַביסל אומרואיג און פרעגט ווייטער העכער:

- ווער איז? ענטפערט! רופט זיך אָן אַ מענער/שטימע: עפען אויף טײַבעלע, האָב
נישט קײן מורא. דערהערט אַזעלכע ווערטער פון אַ פרעמדען מאַן הינטער דער טיר
- איז זי נאָך מער דערשראָקען געוואָרען און גענומען שרײַען:- גײט אַוועק פון
דאַנען, אַ נישט מאַך איך אַ געוואַלד, וועט מען זיך צונױפלױפען. נאָר מײַן בחור
הערט נישט, און קלאַפּט פעסט אין דער טיר. מײַן פרוי נעמט שרײַען געוואַלד.
מײַנער רײַסט די טיר. זי נעמט קלאַפּען אין דער וואַנד און דער סטעליע און רופט
צו הילף, נאָר קײנער ענטפערט נישט. כאַפּט זי דעם טיש און רוקט צו צו דער
טיר און די בײַנקלאַך און יענער רײַסט די טיר, קלאַפּט מיט די פיס און בעט זי
זיך צו באַרואיגען און אים עפענען, ער וועט פאַרבײַטען דעם מאַן, וואָס קען נישט
קומען נעכטיגען...- פאַרוואָס האָסטו זיך נישט באַנוצט מיטן רעוואָלווער -פרעג
איך מײַן פרוי. - איך האָב בשעת מעשה פאַרגעסען גאָר אָן אים. -

- האָוזשע איז דער מאַן אַהינגעקומען - ווער איך שוין נײַגעריג. -ער
איז נאָר וואָס אַראָפּ פון די טרעפּ. איך האָב זיך צוגעהערט ווי ער איז אַראָפּגע-
גאַנגען און געבורטשעט עפּעס צווישען די צײַן, און ווען דו האָסט אָנגעהויבען
קלאַפּען, האָב איך געמײנט, אַז ער איז ווידער געקומען. די נאַכט שוין איז געווען
אַ פאַרשטערטע פאַר אונז בײדע...

- ווער האָט דאָס געקענט זײַן, צו קומען נאָכן אַפּעל אין שטאָט, ווען ס'איז
נאָך נײַן דעם זײגער
פאַרבאָטען אַרומצוגײן - האָט מען זיך געפרעגט מיט די אויגען !- אַ ציוויליער
מסתמא, רופט זיך אָפּ אײנער, - ווי דינקסטו? - נײן, ענטפערט אַ צווײטער, אַ ציווי-
זיך
לער וועט מיט אַזאַ חוצפה נישט וואַגען צו קומען צו אַ פרוי פון אַ סאָלדאַט, וועל-
כער שטײט אין דער זעלבער שטאָט.

- ווער דען האָט דאָס געקענט זײַן ?

- דער אַדזשיוטאַנט, ענטפערט דער דערצײלער. ער האָט געזען מײַן פרוי
און געוואוסט וואו זי געפינט זיך און אַזוי ווי קײן פערמיסיאַן צו זײַן מיט
איר די נאַכט, האָט ער געוואוסט האָב איך נישט, איז ער געקומען פאַרטרעטען מײַן
אָרט... - וואָס וואָלסטו אים געטאָן, ווען דו טרעפסט אים בײַ דער טיר בשעת-מעשה?

- איך וואָלט ים דערשאָסען, ווי אַ הונט אויפן אָרט-. אַ שענע אַרמעע וואָלסטו דערנאָך געהאַט. דאָס וואָלט דאָך געקאָסט מער ווי איין נאַכט אַ פאַרשטערטע, ניט דערשלאָפענע... - פון אַזאַ ענליכן פאַל - פאַנגט אָן מאַריאַוס, נאָר מיט ווי- ניגער ריספּרישער ראַמאַנטישקייט, - וועל איך אייך דערציילן וואָס ס'האָט מיט מיר פּאַסירט שוין נאָך דעם ווי מיר האָבן פאַרלאָזט וויןקומינג. איך האָב דאָס אַפילו ניט געדיינקט צו דערציילן, נאָר אַזוי ווי ס'איז צורייד געקומען, מוז איך דער- ציילען.

- דאָס האָט פּאַסירט אין דעם שטיילא ביען, נעבען האַריקאַר, באַלד נאָך דעם גרויסען מאַנעווער, וואָס דער גענעראַל זשאָפר האָט אונז מזכה געווען מיט זיין פאַרזענליכער אָנוועזנהייט. ווי איך איז באַוואוסט, האָט אונז דאַמאָלסט דער רעגען געוואַשען און באַגלייט די גאַנצע צווי און צוואַנציג קילאָמעטער וואָס מיר האָבן דעם זעלביגען טאָג געמאַכט און איך גלויב אַז יעדען פון אונז איז דער דאָזיגער טאָג געבליבען ניט נאָר איינגעקריצט אין געדעכעניש, נאָר אויך טיעף אין די ביינער...

- צו דער זאַך, מאַריאַוס, נאָר אָהן הקדמות - בעט זיך ביי אים אַ נייגעריגער.

- איך מוז דאָך דערציילען, וואו און ווען ס'איז פאָרגעקומען, צו ניין ? - דער- צייל, דערצייל! בעטען זיך ביי אים עלטערע.

- איך מוז אייך זאָגען, אַז דער קאַמעראַד, וואָס האָט אָרויסגעבראַכט זיין פּרוי פון פּאַריז, איז ניט געווען קיין איינציגער עקזעמפּלאַר, מיר זיינען געווען עטליכע אַזוינע משוגעים, קען מען דרייסט זאָגען. און אויב ס'איז בלויז אַדורך מיט שרעק, מעגען מיר זיין צופרידען, וויל ס'האָט געקאָנט זיין ערענסטע קאָנסעקווענ- צען פון אַזאַ פאַרבאָטענעם פאַרגעניגען אַפילו מיט דער אייגענער ווייב. אָט, הערט וואָס סע קען טרעפען: - מיין פּרוי איז אָנגעקומען קיין וויןקומינג מיט אַ שטונדע פאַר דעם ווי מיר האָבן זיך געקליבען אין וועג. געזען זיך מיט איר האָב איך אין דער פולער אַמוניציע מיטן צאָק און פּאַק, אָנגעלאָדען ווי אַ לאַסט-פערד, קיין צייט צו ריידען איז ניט געווען, דער באַטאַליאָן איז געשטאַנען גרייט צו מאַרשירען ווי אָהין מיר געהען, האָב איך ניט געוואוסט און איך דיינק אַז אַחוץ דעם ליוטע- נאַנט קאַלאָנעל - האָט קיינער פון אונז ניט געוואוסט. ( וויל אונזער

161

70725



ליטעניאַנט האָט זיך געקלאָגט מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, אַז זיינע זאַכן זיינען פאַרלוירען געגאַנגען ווייל ער האָט געגלויבט אַז מיר'ן זיך נאָך צוריק אומקערן קיין מאַנביזשאַר). אין זאַך איז מיר איינגעפאַלן צו זאָגן מיין פרוי, אַז זי זאָל אונז נאָכגעהן. און דאָס האָט זי געטאָן. דעם גאַנצן טאָג האָב איך זי ניט געזעהן און ביי די פּאָזעס/ האָב איך זי שוין אַרומגעזוכט און ניט געפונען, האָט מיר שוין באַנג געטאָן, פאַרוואָס איך האָב פאַרפליכטעט אונז נאָכצוגעהן אין אַזאַ שלאָגס-רעגן און נאָך צופוס. פאַרנאַכט, ווען מיר האָבן זיך שוין דורכגענעצטע אָפּגעשטעלט אין דערפל נעבען דער ווינט-מיהל איך האָב שוין, דעם אמת זאָגענדיג, ניט געטראַכט מער צו זען מיין פרוי, ערשטענס איז אין דעם גוס רעגן גאָר ניט מעגליך געווען צו געהן אַזאַ וויטע שטרעקע, איבערהויפּט פאַר אַ פרוי, וועלכע איז נאָך ניט געוואוינט פיעל צו געהן און דאָן איז איבערהויפּט געווען אַ אומזין פון מיין זייט וואָס איך האָב מיין פרוי געלאָזט קומען און איר געהייסן נאָכפאָלגן דעם רעגימענט. אין זאַך האָט מיר באַרואיגט, וואָס צוליעב דעם רעגן איז זי מסתמא געבליבן אין [illegible]

און פאַרלוירען פון אונז די שפּור . פונדעסטוועגן בין איך די גאַנצע נאַכט ניט געשלאָפן, כאָטש וואָס איך בין געווען מיעד און פאַרמאַטערט. די פּאָר מינוט וואָס איך האָב געזען מיין פרוי, האָט צושטערט מיין גלייכגעוויכט פון דער גאַנצער צייט טראַנשעעלעבן. דערזעהענדיג מיין פרוי, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיין שטעטל שטוב און אָן דעם ציווילען רואיקן, פרייען און אומאָפּהענגיק לעבן. אָן די גוטע פריינט, אָן דער פאַמיליע. דאָס האַרץ האָט גענומען האַסטיק קלאַפּן און צאַפּלען ביי יעדער פאַרשטעלונג האָבן זיך אַלץ געטאָן פריי די פריערע רינען פון די אויגען....

צו מאָרגענס הייסט מען זיך גרייטען אין ווייטערן וועג אַריין. קאַפּע דאַרף מען זיך אַליין מאַכן און מיטאָג וועלן מיר שוין עסן פון דער פליהענדיקער קיך, וועלכע גרייט זיך שוין צו ווייט פון דער מיהל. מיר אַלע זיינען געווען באַשעפטיגט צו טרוקענען נאָך פון נעכטיקן רעגן די קליידער און זיך

דעריאָגן די אַנדערע וואָס זענען שוין אַרויס פון דאָרף. אין דעם קומט צו אַ דאָרפס מיידל און פרעגט עפעס אַ נאָמען. מיר איז גאָר ניט איינגע-פאַלן דעם מאָמענט, אַז דאָס קען מען זיך פרעגן אויף מיר און איך האָב אַפּי-לו זיך ניט אומגעקערט.: מאַריאָוס, שרייט אויס דער סערזשאַנט, מען פרעגט זיך אויף דיר.- אויף מיר !? ווער איך שוין אַביסל איבערראַשט. איך געה צו, דערציילט מיר דאָס מיידעל, אַז מיין פרוי איז ביי זיי אין שטוב זייט נעכטן און פרעגט זיך אויף מיר. שטעלט זיך פאַר מיין לאַגע. וואו איז זי, וואו געפינט זי זיך ? ערגעץ אין צווישען עק דאָרף. געה אַצונד זיך צו, אַז דער רעגימענט פאַרלאָזט דאָס דאָרף ! און ווי אויף צו להכעיס, געפינט זי זיך אין דער געגענ-געזעצטער ריכטונג. בעט איך דאָס מיידעל זי זאָל לויפן און אָנזאָגן מיין פרוי זי זאָל קומען וואָס גיכער אַהער און אונז ווייטער נאָכגעהן.

דעם טאָג, ווי דעם נעכטיקן, האָב איך זי ווייטער ניט געזען. ביי יעדער פאַוזע וואָס מיר האָבען געמאַכט אין מיטאָג שטונדע, בין איך אַרומגעלאָפן ווי אַ פאַרסמטער מויז פון איין אָרט צום אַנדערן, פון איין באַטאַליאָן צום צווייטן. פילייכט וועל איך דערזען מיין פרוי. אָבער אומזיסט ! קיין שפור ניט. פון איר!

פאַרנאַכט זענען מיר געבליבן שטעהן אין אַ שטעטעל, איך געדיינק שוין ניט דעם נאָמען פון איר. איך ליג אַוועק דעם ביקס און דעם פּאַק אויף דעם בוידעם וואָס מען האָט אונז געגעבן און ערלויבט דורכצושלאָפן, און לויף זוכען די שפורען פון מיין פרוי. ערשט איך גיב אַ קוק - מיין פרוי גייט מיט דעם זעלבן מיידל אויף׳ן וועג אין אַ אַנדער דאָרף. איך שטעל זיי אָפּ. וואָס איז געשעהן ? מיין פרוי איז טויט מיעד, שוואַרץ, פאַרמאַטערט. אין די פאַר טעג איז זי שוין ניט צו דערקענען: מע האָט איר געזאָגט, אַז אונזער באַטאַליאָן געפינט זיך אין דעם דערביאיגן דאָרף, גייט זי אַהין מיך זוכען...

די נאַכט בין איך שוין אַהין געגאַנגען צו אַ פּריוואַטע, און געבעטן אַ נאַכט לעגער און אַ בעט פאַר אונז ביידע און געשלאָפן זענען מיר ביידע ווי געהרגעטע. אין דערפרי, איך כאַפּ זיך אויף, ס׳איז שוין גרויסער טאָג.

163

70727



איך טו זיך שנעל אן, לויף ארויס אין דרויסן: קיין פלעד ניט מער פו סאלדאטן. ווער איך שוין איבערראשט און נעם פרעגן די אלטע לייט און די פרויען: ווען מע איז אוועק און וואוהין. ענטפערן זיי מיר, אז אוועק זיינען זיי מיטן טאג צו גלייך אין דער ריכטונג פון ביען.

פיעל צו קלערן איז פארשטעהט מען מיר קען צייט ניט געהען, איך לויף צו צום בויזעס וואו אונזער סעקציע איז געלעגן פון מיין ביקס און טארבעס, קיין פלעד אפילו ניט פאראן מער. כאט איך שוין א ביציקלעט, א אלטן שקראב ביי א פויער און לאז מיך קען ביען דעריאגן אונזער באטאליאן. וואס איז מיר געלונגען מיט א אנגעשטיקטן שוויס צו טרעפן אין דער מיטאג פאריזע ניט ווייט פון ביען.

- און וואס האסטו געטאן מיט דיין ווייבעל ?-

- איך האב שוין צו איר אויסגעקלארט מיין בייטער הארץ פון דער גאנצער צייט און פון די לעצטע געשעהעניש, איך ה האב זי איבערגעלאזט אויף גאט'ס באראט. דעם אמת געזאגט, האב איך מורא געהאט פאר א קאנפעי-דע-גער: דעם ביקס מיט דעם סאק פארלירען - האט מען מיר געקענט אננעמען פאר א דעזערטיר - מעה' האט מיר ניט געפעהלט! נאר צוקומענדיג צו מיין סעק-ציע, האבען מיר די קאמאנדירען אקעגן געטראגען די ביקס מיט די אלע איבע-ריגע זאכען און מיך געטרייסט דאס קיינער ווייס ניט פון מיין פעהלען, אחוץ דעם קאפראל און מע וועט ווייטער ניט געהן.

און ווען איך האב זיך בארואיגט, האב איך גענומען טראכטען פון מיי פרוי. מע האט מיך שוין הארציג באנג געטאן וואס איך האב זי אזוי שלעכט בא-האנדעלט. וואס איז זי נעבעך שולדיג געווען די ארימע פרוי ? און וואס מע איז מיר שוין דאן געהען אויפן הארצען, האב איך שוין אויסגעלאזט צו גאט און זיינע הייליגע וואס מאכען דעם מענשען אזוי פיעל ליידען.

קיין ביען איז שוין מיין פרוי געקומען מיט א פודל און דער אלטער פויער האט אבגענומען זיין ביציקלעט און אונז באשטעלט א צימער בא זיין שוועסטער-קינד, א אלטע פרוי מיט א שאכטער, וואס דער מאן איז אין די

טראַנשעען און אַ אינגעל פון דער טאָכטער.

אַזוי ווי ס'איז מער ניט געווען ווי אין בעט אין דער גרויסער שטוב פון דער טאָכטער, האָט זי אונז דאָס אָפּגעטראָטן און זי מיטן קינד זיינען געגאַנגען שלאָפן ביי דער מוטער.אויפן בוידעם-שטיבל.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן אין בעט ווי די גראַפן און אָנגעזאָגט אַפּאָר חברים פון עסקאַד,אַז אויב מען וועט דאַרפן וועקן פאַרטאָג,ווי דאַן,זאָלן זיי מיך אויפוועקן, צו דער צייט,אָנקלאַפּנדיג אין פענסטער,וואו דאָס בעט איז געשטאַנען,דערמיט,עס זאָל ניט געשען די נעכטיגע געשיכטע. און די נאַכט, קען איך איך זאָגן,איז געווען אַ חתונה-נאַכט. איך האָב געבעטן מיין פרוי אום פאַרצייאונג,און זי האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. דאָס איבעריגע דאַרף איך אייך שוין ניט דערציילן....

אין מיטן דער נאַכט,אין רעכטן בעסטן שלאָף,-מען קלאַפּט אין פענסטער. איך כאַפּ זיך אויף,ווי אַ אָפּגעבריטער,שפּרינג אַראָפּ אַ נאַקעטער פון בעט,לויף צו צום פענסטער און פרעג: וואָס איז ?.. עפן אויף! - ענטפערט מיר
שכרה מענער
אַ פון יענער זייט פענסטער אַ גראָבע שטימע . - ווער איז דאָס - פרעג איך נאָך אַמאָל,און לייג צו דאָס געזיכט צו דער שויב,בעפאָר צו דערקענען דאָס פּערזאָן . - ווער איז דאָרט ?.. די פּערזאָן גלאָצט פּלוצלונג אויף אַפּאָר ווילדע אויגן,לאָזט אַרויס אַ ווילדען געשריי: דו שלאָפסט מיט מ ײ ן פרוי ! און שימפּט אָן אויפהער,לאָזט זיך לויפן פון פענסטער צו דער טיר און נעמט קלאַפּן שוין פעסט מיט אַ האַרטן געגנשטאַנד,נאָר צו צוברעכן די טיר. איך,ניט ווייסנדיג ווער דאָס איז און ניט פאַרשטייענדיג די אורזאַכע פון זיין שרייען און שימפּן,לויף צו צו דער טיר צו עפענען און זען,ווער דער פענאָמען איז און וואָס וויל ער אַזוינס,קומענדיג מיר שטערן דעם שלאָף. בשעת מעשה,ווי ער קלאַפּט שטאַרק אין דער טיר און איך צינד אָן דעם לאָמפּ,כדי צו זען ווי צו עפענען די טיר,-כאַפּט זיך אויף מיין פרוי מיט קולות,לויפט אַראָפּ פון בעט,לאָזט זיך לויפן צו די טרעפּ און נעמט שרייען צו דער בעל-הבית'טע זי זאָל אַראָפּקומען. איך קוק אָן די סצענע און ווייס נאָך אַלץ ניט וואָס דאָ קומט פאָר. איך רייגל אויף

אלא די טיר - גייט אריין א גרויסער שכור'ער סאלדאט מיט א אויפגעפלאנצטע געווער געגען מיין ברוסט, דאס מויל פארקרימט פון הילדען כעס, די אויגען גרויס גע-עפענט און א פענע זעצט אים פון מויל: - דו לומפ! דו גאבניט! דו,פוילענצער! שלאפסט מיט מיין פרוי! דאס וועט דיך שוין טייער קאסטען ! - האלט ער אין איין שימפען און איך פיהל שוין דעם קאלטען באיאנעט קיצלען מיין ברוסט. אינסטינק טלין האב איך זיך געגעבען א הארף אויף צוריק. אין דעם אויגענבליק איז אונ-טערגעקומען מיין פרוי און גענומען שרייען, אז ער זאל מיך ניט שטעכען. זיין פרוי קומט.

פון די ג'ליות איז די יונגע פרוי ארויס פון די טרעפ און גענומען שרייען: „ פראנסוא, וואס טוסטו, פראנסוא!''-

איך בין שוין געווען האלב טויט און ניט געוואוסט וואס דא קומט פאר. דער מאן איז נאך מער צוטומלט געווארן, דערזעהענדיג א פרעמדע, האלב-נאקעטע פרוי, און זיין פרוי קומענדיג פון בוידעם א , האט ער א הארף געטאן דאס געווער פאר מיינע פיס, און פאלענדיג דער פרוי זיינער אויפן האלז, גענומען כליפען ווי א קינד: -מאריא, מאריא.. מיין טייערע, וואו איז אונזער קינד, וואס טוסטו, מאריא?.. וואו איז די מאמע? מאריא.!.. מער האט ער ניט געקאנט ארויסרעדען קיין ווארט...

מאריאנע איז שטיל געבליבען און מיר אלע זענען געבליבען מיט פאר-כאפטען אטעם.

- האסט נאך ניט פארגעסען - האט אים איינער קלאפענדיג אין פלייצע-געזאגט. האסטו א צייכען פון באיאנעט? - מאריאנע האט צושפילעט, און ווערטער די ברוסט, און געוויזען א ליכטע וואונד, ווי א שנייט פון א מעסער, וואס האלט זיך אין פארהיילען.

- און קיינער האט ניט געוואוסט, אז דער מאן פון דער פויערטע, דארף קו-מען? - האבען מיר געפרעגט. - די פרוי זיינע האט געקראגען מיט א טאג צופאר א בריוו, אז ער קומט דעם טאג אויף א פערמיסיען, נאר אזוי ווי ער איז ניט גע קומען מיטן מיטאגדיקען צוג, האט זי גערעכענט, אז ער וועט שוין קומען צומארגענס

166

70730



װײל בײ דער נאַכט איז קײן צוג נישטאָ. און זי האָט זיך ניט גערעכנט אַז ער װעט זיך בײ דער באַן פֿאַרשפּעטיגן מיט זײנע לאַנדסלײט און קומען אין מיטן דער נאַכט אַהײם....

---

167

70731

די לעצטע צײַט האָט זיך מענדל ש ט א ר ק מ א ן אינגאַנצן געביטן. פֿאַרשווּנדן איז געוואָרן דער ענטוזיאַזם זײַנער פֿאַר׳ן „פֿרײַהײַטס־קריג," ווי ער פֿלעג אָנרופֿן די מלחמה. אָפּגעטאָן האָט זיך פֿון אים די לעבנסלוסטיקײַט, וואָס פֿלעג שײַנען אויף זײַן פּנים נאָך יעדער מאַנעוור אָדער איבונגען בעת מיר זענען געווען אין ליאָן. ער האָט מער ניט באַנוצט די סאָפֿיסטישע פּילפּולים פֿון די אַלטע גריכן, מיט וועלכע ער פֿלעג באַזיגן זײַנע געגנער. אים האָבן מער שוין ניט באַפֿרידיקט די אַפֿאָריזמען פֿון די מאָדערנע פֿילאָזאָפֿן, און אפֿילו די פּאַראַדאָקסן פֿון זײַן ליבלינג, דעם פֿילאָזאָף־דיכטער נ י ט ש ע, האָבן אים געלאָזט גלײַכגילטיק.

א מרה־שחורה׳דיקער פֿלעג ער זיך אַרומדרײַען צווישן די חברים, מיט קײנעם ניט רײדן און מיט קײן זאַך זיך ניט אינטערעסירן.

דער וואונדער פֿון דער פּלוצלעכער ענדערונג וואָס איז פֿאָרגעקומען מיט׳ן גרויסן אָפּטימיסט איז געווען באַזונדערס גרויס, וואָס גראָד מיר אַלע האָבן זיך דאַן געפֿונען אין אַ העכסט געהויבענער שטימונג. — נאָך דעם לאַנגן קאַלטן ווינטער פֿון טראַנשײען־לעבן האָבן מיר ענדלעך, נאָך אַ לאַנגן פֿעלד־צוג פֿון ש א מ פּ א ן ביז׳ן נ אָ ר ד וואָס ~~אַז~~ מיר האָבן דורכגעמאַכט במעט צופֿוס, דערזען פֿאַר אונזערע אויגן אַ ווײַטן גרינעם האָריזאָנט. די בײנער אונזערע האָבן זיך אויסגעגלײַכט, די פֿיס האָבן געגנוסען גײן פֿעסט און מער ניט געדאַרפֿט טאַפּן דעם וועג ווי געפֿענטעט און געבונדן אין די שמאָלע גראָבנס, דער קאָפּ האָט זיך געהאַלטן גלײַך. ווער שמועסט, אַז ווען יעדער פֿון אונדז האָט אויסגעשטעלט און פֿאַרצויגן אויפֿ׳ן פֿרײַען פֿעלד זײַן „געצעלט" און זיך דאָרטן אויסגעצויגן

ווי ביי זיין פאטער אין ווײנגארטן, איז שוין גאר געווארן א גוט לעבן.

די ~~[illegible]~~ בעסטע צייט פון דעם גאנצן מלחמה-פעריאד איז געווען די ענגע צייט, ווען „יעדער האט געלעבט אונטער זיין געצעלט". ס'איז, ערשטענס, געווען פריי פון אלערליי איבונגען, זיך ניט געמוזט לעגן שלאפן באלד נאכ'ן „אפעל" און אויפשטיין ווען דער „קלעראן" האט געקרייעט; צווייטענס, איז מען ניט געווען מער געצוואונגען צו לויפן א 4-8 קילאמעטער נאכ'ן עסן, ווי אין די טראנשייעס, נאר די קיך פלעג אונז נאכפארן און ברענגען די געקעכטן פריש און ווארעם אין לאגער אריין. יעדער „עסקוואד" פלעג מאכן שבת פאר זיך. יעדן אין-דער-פרי פלעג מען אנקלויבן א פאר טרוקענע צווייגן, זיי ארויפלעגן אויף א פאר שטיינער אין מיט'ן פעלד און זיך שטעלן קאכן אין א גרויסן טאפ ~~[illegible]~~ וואסער פאר קאפע, וואס איז געווען גענוג פאר 15 מאן. מיר האבן אויך געהאט א כלי אויף צו קאכן א סופ אדער אפילו א געקעכץ פון גרינסן, וועלכע איז אונז צונוץ געקומען אין פאל, ווען די גייענדיקע קיך איז באגעגנט געווארן צוליב איר רויך פון א פײנטלעכן „305-ער" אדער פון אן אנדער „גאסט" וואס האט פונקט געטראפן אינ'ם זודיקן סופ. דעם טאג האט מען שוין געמוזט זוכן אנדערע קיכער און דערווייל האט יעדער „עסקוואד" באזונדער זיך געמאכט דאס עסן.

דאס אמת'ע פרייע לעבן האט זיך פאר אונז אנגעהויבן, ווען מיר האבן זיך פארקליבן אין וואלד אריין. מיר פלעגן זיך דארטן צונויפנעמען א גרופע פון עטלעכע פערזאן, צוזאמענבינדן די געצעלטן און מאכן איין גרויסע קײלעכדיקע געצעלט, ענלעך צו די געצעלטן פון די פארצייטיקע קריגער. אינווייניק פלעגן מיר אויסשפרייטן די קאלדרעס און אונטערלעגן יעדן צוקאפנס זיין זאק און פאק; די ביקסן פלעג מען אויסשטעלן צוקאפנס אין איין ליניע אדער זיי צוזאמענשטעלן ביי דער

3% 169 70733

עפּנונג פֿון דעם געצעלט אין דער פֿאָרם פֿון א פּיראַמיד; דאַן פֿלעגן
מיר זיך אויסציען אין דער גאַנצער לענג אױן, אַזוי ליגנדיק, זיך
דערציילן פֿאַרשידענע געשיכטעס און מעשׂות. איז געווען א לבֿנה-נאַכט,
איז געווען גאָר לוסטיק; איז דער הימל געווען פֿאַרצויגן, האָט מען
אָנגעצונדן א ליכט, מיט א דראָט דאָס אויפֿגעהאָנגען אין מיט'ן גע_
צעלט און דאַן האָט מען שוין געקאָנט אפֿילו לייענען, ווען די געשיכ_
טעס און די דערציילונגען האָבן זיך אויסגעשעפּט. אפֿילו צו זיין אויף
דער וואָך אין אַזאַ נאַכט איז ניט געווען אומעטיק, ווייל געוואַכט האָט
מען טאַקע ניט ווייט פֿון די געצעלטן, און ס'איז אויך ניט געווען
אַזוי שטרענג, ווי אין די טאָאַנשייעס.

די לאַנגע נאָכמיטאָג-שטונדען פֿון די זוניקע טעג פֿלעגן
מיר מערסטנטיילס פֿאַרברענגען גרופּעס-ווייז פֿון נאָנטע חבֿרים. מאָדנע
געפֿילן פֿון בענקעניש נאָך א גוטן פֿריינט, פֿאַר וועמען מ'זאָל קאָנען
אויסגיסן דאָס ביטער האַרץ, האָט אונז אַלעמען באַהערשט. דערביי האָבן
מיר געדאַרפֿט גוט אַכטונג געבן, אַז ניט דער קאַפּאָראַל, ניט דער סער_
זשאַנט זאָל אונז באַמערקן, ווייל אין קעגנפֿאַל האָט זיך אָנגעהויבן
א סדרה פֿון פּוצן דאָס געווער, פֿאַרריכטן די קליידער, צי גאָר נעמען
זיך לערנען די אַלטע מלאָכה_גראָבן טראַנשייעס, כּדי ניט צו זיצן
ליידיק און ווערן פֿוילענצער. מענדל שטאַרקמאַן איז געווען דער איני_
ציאַטאָר און טאָן-געבער פֿון די דאָזיקע נאָכמיטאָגדיקע פֿאַרווײלונגען.
די לעצטע צייט אָבער האָט ער אָנגעהויבן אַלץ זעלטענער און זעלטענער
אויף די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען
צו קומען עולץ, ביז ער האָט אינגאַנצן אויפֿגעהערט צו קומען און
כּמעט אויסגעמיטן די גרופּע.
לעצטענס
_ מיר שיינט, אַז פֿון דעם נגלה איז געוואָרן א נסתר_ האָט
איינער פֿון דער גרופּע באַמערקט וועגן מענדל'ן.
_ ווער ווייסט_רופֿט זיך אָפּ א צווייטער_ אפֿשר האָט ער א פּאַרגע_
פֿיל, אַז זיין סוף איז נאָענט און ער נעמט זיך אַצינד אָפּגעבן חשבון-
הנפש..

— ס'איז שטענדיק אַזוי מיט די פֿלאַמענדיקע ענטוזיאַסטן און שטאַרקע אָפּטימיסטן: דער פֿלאַם לעשט זיך אויס, דער גלויבן פֿאַרשווינדט, — בלײַבט אַ קאַלטער צווייפֿל אין אַלעם און אַלעמען..

— נײן, מײַנע פֿרײַנט! — רופֿט זיך אָן אַ צווייטער, טאַקע שטאַרקמאַנ'ס אַלאַנדסמאַן — די נידערגעשלאָגנקייט פֿון מענדל'ן איז ניט אַזוי איבער־פֿלעכלעך. ס'איז, ווי מ'זאָגט, אַז מ'ברעט זיך אָפּ אויפֿן הייסן, בלאָזט מען אויף קאַלטן: צום ערשטן האָט ער זיך אַנטוישט אינ'ם אידעאַל פֿונ'ם באַפֿרײַונגס-קריג, דערנאָך אין זײַנע קאָלעגן פֿונ'ם עסקוואַד — איצט מײַדט ער אויס אַלעמען.

— און וואָס האָט אים דען אַזוינס געטאָן זײַן עסקוואַד, וואָס ער איז מיט אַמאָל אַזוי אַנטוישט געוואָרן אין אַלעמען?

— צום ערשטן האָבן זיי געקוקט אויף אים קרום, וואָס ער לייענט בסדר פֿילאָזאָפֿישע ביכער, און דערצו — נאָך אין דײַטש; דערנאָך האָבן זיי גענומען אים דערקוטשען און אָפּטון שפּיצלעך: פֿאַרלעשן יעדעס מאָל דאָס ליכט בשעת ער פֿלעג לייענען, אָדער וואַרפֿן אויף אים שטיקלעך ברויט בשעת ער פֿלעג זיצן פֿאַרטיפֿט אין טראַכטן. די לעצטע צײַט איז שוין גאָר ניט געווען אויסצוהאַלטן פֿון זיי: זיי האָבן בײַ אים געכאַפּט די „עטיק" און פֿאַרברענט די העלפֿט פֿון בוך; די לעצטע טעג האָבן זיי בײַ אים צוגעכאַפּט די „קריטיק פֿון ריינער פֿאַרנונפֿט", מיט וועלכער ער פֿלעג זיך קווייקן, אַרויסגעריסן פֿון בוך די בלעטער און גענומען מיט זיי זיך צו באַנוצן פֿאַר זייער אינטימען געברויך..

— נו! דאָס איז דאָך אָפּגעגעבן ברויט — האָט איינער פֿון אונדז זיך גענומען ווײַצלען — דאָס וואָס זיי האָבן פֿאַרברענט די „עטיק" איז גלאַט אַ קלוגע זאַך פֿון זייער שטאַנדפּונקט: ווער דאַרף איצט האָבן די עטיק; ווער נויטיקט זיך דען אין איר? — און דאָס וואָס זיי האָבן אויסגעריסן און זיך באַנוצט מיט די בלעטער פֿון דער „ריינער פֿאַרנונפֿט" איז אין

171

70735

פולן הסכם מיט דער תורה פונ'ם קעניגסבערגער פילאָזאָף, בײַ װעלכן נאָכ'ן „ריינעם פאַרנונפט" קומט די „פּראַקטישע פאַרנונפט" — האָבן זיי פונם „ריינעם פאַרנונפט" געמאַכט א פּראַקטישן געברויך...

— אָט גייט דער בעל-דבר אַליין — רופט זיך אָן זײַ לאַנדסמאַן — מענדל, װאָס ביסטו פאַרפאַלן געװאָרן די לעצטע צייט?

— איך בין גאָר ניט פאַרפאַלן געװאָרן — האָט ער קורץ אָפּגעהאַקט.

— אָבער מ'זעט דאָך דיך מער ניט די לעצטע צייטן

— װאָס װילסט איר מיך דען זען?

— אָט דאָ, צװישן אונז, װי פריער!

— בין איך דאָך מיט אייך!

— ס'איז אָבער ניט, װי שטענדיק. דו ביסט געװאָרן אַן אַנדערער, זיך איינגאַנצן אָפּגעזונדערט און קומסט זעלטן אין געזעלשאַפט. עפּעס דריקט דיך. אפשר האָבן מיר זיך מיט עפּעס פאַרשולדיקט קעגן דיר?

— איך האָב קעגן אייך גאָרניט װאָס אויסצוזעצן. אויב איך קאָן יאָ אויסזעצן קעגן עמעץ ס'ניט איז, איז דאָס קעגן מיר גופא.

— דאָס איז דײַן אַלטער שטאַנדפּונקט. אָבער װאָס באַטײַט װאָס דו מײַדסט אײַץ אויס מענטשן? פאַרװאָס אַנטלויפסטו פון אונז?

— װען איך זאָל אַפילו װעלן אַנטלויפן פון דאָנעט, קאָן איך שוין מער ניט. בײַם אַרײַנגאַנג פון גיהנום שטײט בפירוש געשריבן: װער ס'טרעט איבער די שװעל, קאָן שוין ניט צוריקקומען: — װען מ'פאַרלירט די האָפנונג, דעם מוט און װילן צום לעבן, דאַן האָט מען אַלעס פאַרלוירן. פון אַלעס קאָן מען אַנטלויפן, אָבער ניט פון זיך גופא.

עטלעכע טעג פאַר דער אַטאַקע האָט ער אויפגעהערט צו שרײַבן זײַנע לאַנגע אויספירלעכע בריװ, װאָס ער פלעג רעגולער אַרויסשיקן זײַנע פאַריזער פרײַנט. זעלטן פלעג ער שוין ענטפערן אויף די אָפטע כמעט טאָג-טעגלעכע בריװ פון זײַנע פאַריזער פרײַנט צו אים. זײַן אײנציקער

172

70736

63

פריינט איז געוואָרן ש אָ פּ ע נ ה ױ ע ר, ווען ער האָט ארומגעטראָגן מיט זיך אין בוזעם-קעשענע און די גאנצע צייט זיך מיט אים ניט גע-שיידט.

א פּאָר טעג פאר דער אטאקע, ווען מ'האָט געפּאָדערט פרייוויליקע זיך אויסלערנען די מלאכה, ווי אזוי צו ווארפן באָמבעס און גראנאטן אין די דייטשע טראנשייעס, — האָט ער זיך געמעלדעט דער ערשטער. נאָך יעדער לעקציע וואָס ער האָט גענומען ביים „זשעני סערזשאנט" איז ער געקומען א צופרידענער, כמעט א גליקלעכער דערמאר, וואָס ער וועט ניט דארפן גיין צוזאמען מיט זיין עסקוואד אויף דער אטאקע: אזוי שטארק איז געווען ביי אים דער חשק זיך צו באפרייען פון זיינע קלאָגן.

— דער טויט שרעקט מיך ניט אזוי, — פלעג ער זיך די לעצטע צייט קלאָגן — ווי דער געדאנק, אז מיר וועט אויסקומען צו שטארבן צווישן מענטשן וואָס איך האָב ניט ליב און וואָס האָבן מיך פיינט... און איך בין זיכער ניש מער צו קומען א לעבעדיקער פון דער אטאקע. איך האָב אזא פאָרגעפיל פון בלינדן אינסטינקט, וואָס אלע מיינע פילאָזאָפישע ארגו-מענטן און אויספירונגען קאָנען ניט גובר זיין... און מערקווירדיק איז דאָס, וואָס ס'טוט מיר גאָר ניט באנג, וואָס אלץ וועט זיך מיט מיר ~~///~~ פאר טיר ענדיקן; און איך האָב אפילו ניט קיין שום פארלאנג, אז ס'זאָל אנדערש זיין, ווי ס'איז אָנגעצייכנט פון מיין גורל. איך דערנענטער
אונבערעג
מיך צום עק פון דער ~~עעעע~~ וועלט, וואו ס'וואַרט אויף מיר א אייביקער פינצטערער און אונענדלעכער אָפּגרונט פון דער נ י ר וו א נ א...

איינער פון די לעגיאנערן-אונטעררייטער האט באלד מיך פאראינטערעסירט מיט דעם סימפאטיש-מענטשלעכן אויסדרוק פון זיינע אויגן. מיר האבן זיך דערנאך נאענט באקאנט. מיט א צייט שפעטער האט ער מיר דערציילט זיין לעבנס-געשיכטע :

א זון פון א רייכער אדעליקער פאמיליע אין א שטעטל אין בעלגיע, איז ער פון זיין פריער יוגנט געווען א פיינפילנדער און פיינדענקענדער טרוימער, געגלויבט אין גאט און אין מענטשן און פול געווען מיט אונטערנעמונג'ס-גייסט. ווען ער איז אלט געווען 15 יאר, האט ער זיך שוין געגרייט צו א עקספעדיציע צום זיד-פאל. א צייט האט ער ארומגערייזט וואו די וועלט האט אן עק. זיין פאמיליע איז נישט געווען צופרידן וואס זייער זון פארשווענדט זייער פארמעגן אויף אומנוצלעכע אוועקן און האט זיך באמיט אים אפצוהאלטן פון זיינע פאנטאסטישע אונטערנעמונגען. זיי האבן געוואלט פון אים מאכן א לייט, אזוי ווי ס'פאסט פאר אזא שטאנד ווי זיי זענען. ער האט אבער בשום-אופן ניט געקאנט זיך איינלעבן אין דער קליינער סביבה מיט די באגרענעצטע אינטערעסן, אין וועלכער ער האט זיך געפונען. ער האט פארלאזט זיינע עלטערן און זיין לאנד און האט זיך אוועקגעלאזט קיין ענגלאנד, וואו ער האט געהאפט צו פארווירקלעכן זיינע טרוימען. ער איז אבער באלד פון דארטן אוועקגעפארן קיין איטאליע, דערנאך-קיין פראנקרייך. וואס מער לענדער ער האט באזוכט, אלץ ווייטער איז ער אוועקגעטראגן געווארן אויף די פליגלען פון זיין פאנטאזיע. ער גופא האט ניט געהאט קיין קלארן באגריף וועגן דעם וואס ער האט בדעה אויפצוטאן . ער האט געהאט א שטארקן באגער זיך צו באקענען מיט דער וועלט און מיט אירע מענטשן, געניסן פון דער נאטור און פונם לעבן

מיט דער פֿולער פֿרייער האַנט און אין דער זעלבער צייט שאַפֿן אַ סך גוטס
און נוצלעכעס פֿאַר די מענטשן, ווערן איינער פֿון די געהיינטסטע און
באַליבטע בירגער פֿון דער וועלט. — אָבער, וואוהין ער איז געקומען,
האָט ער אָנגעטראָפֿן אויף פֿעסטע אייזערנע ווענט; די טעמפּע גרויזאַמע
ווירקלעכקייט האָט זיך געלאָזט פֿילן אויף יעדן טריט און שריט. ער
האָט געפּרוּווט זיך אַנטקעגן צו שטעלן, זיך געראַנגלט מיט דער הונגער-
נויט, געווען נע-ונד, געליטן קעלט און קראַנקייטן; ער האָט שפּעטער
אויסגענוצט אַרבעט און אַ געוויסע צייט ניט שלעכט פֿאַרדינט, — עס איז
אים אָבער ניט געגאַנגען. דאָס שטענדיקע לעבן אויף איין אָרט האָט אים טרוימען
ניט געקאָנט צופֿרידן שטעלן און באַפֿרידיקן זיינע אַמביציעס און חלומות.
אין וועלכע ער האָט געלעבט סיי אין חלום, סיי אויף דער וואָר. ער האָט
באַשלאָסן בעסער צו וואַנדערן, איידער צו זיין פֿאַרקנעכטעט; בעסער צו זיין
נע-ונד, איידער צו זיין אַרומגערינגלט מיט אַזעלכע קליינלעכע פֿליכטן
און אינטערעסן. האָט ער זיך ווידער גענומען אַרומשלעפּן אויף דער
גאַנצער וועלט, געלעבט ווי דער פֿרייער פֿויגל אין וואַלד, ביז ער האָט
זיך דערוווּסט וועגן דעם „לעגיאָן" אין דער פֿראַנצויזישער אַפֿריקע. דאָס
לעבן אין דער ווילדער עקזאָטישער אַפֿריקע, וואו ס'געפֿינען זיך נאָך
גרויסע ניט-אויסגעפֿאָרשטע שטרעקעס לאַנד, האָט פֿאַר אים געהאַט אַ באַ-
זונדער צויבער-חן. זיינער אַ פֿריינט, וועלכער האָט זיך איינגעשלאָסן אינם
„לעגיאָן", האָט אים איינגערעדט, אַז ער זאָל אויך מיטמאַכן דאָס לעבן.
ווען ער איז אָנגעקומען קיין אַפֿריקע אין דעם לעגיאָן און האָט באַלד
געמוזט אונטערשרייבן אַ התחייבֿות צו דינען אין לעגיאָן ניט ווייניקער
פֿון 5 יאָר, האָט ער שוין געהאַט אַ פֿאָרגעפֿיל, אַז ער איז באַגאַנגען
אַ גרויסן פֿעלער אויף זיין גאַנץ לעבן. און ווירקלעך: שווערע
פֿינצטערע וואָלקנס האָבן אַ סך זיין קלאָרן הימל פֿון טרוימען פֿאַרצויגן.
די סאָלדאַטישע מאָראַל און די גראָבע אומענטשלעכע באַהאַנדלונג און
באַנעמונג פֿון די „בענדלדיקע" פֿון איין זייט און אויטאָמאַטישע, באַ-

גרענעצטע און קלעגלעך-טאָנאַטאָנע לעבן פֿון דער צװײטער זײט האָבן דעם יונגן גײסטיקן אריסטאָקראַט אײנגאַנצן דערשלאָגן און אים געמאַכט פֿאַר א „שלעכטן", „אונדיסציפּלינירטן" סאָלדאַט, װי מ'רופֿט דאָס אײנעם לעגיאָן.

ער האָט נאָך קײן יאָר ניט געהאַט אויסגעדינט, װי ער האָט שױן געהאַט אױף זיך א פֿעלד-געריכט מיט 5 יאָר דיסציפּלינאַר-באַטאַליאָן אײנעם װילדן „אפֿריקאַנישן סיביר" ב י ר י ב י. בלױז דערפֿאַר װאָס ער האָט אָפּגעענטפֿערט אױף א ניט-פֿאַרדינטע באַלײדיגונג פֿון א קאָ-פּראַל. װאָס ער האָט געהאַט אויסגעשטאַנען אין דער קאַטאָרגע בירי בי, איז זיך לײכט פֿאָרשטעלן! נאָך דעם װי ער איז אָפּגעקומען די שטראָף, האָט ער ערשט געמוזט דערדינען די איבערגעבליבענע לױט'ן קאָנטראַקט 4 יאָר. עונקס צום צװײטן יאָר פֿון זײן דינסט האָט זיך מיט אים װידער געטראָפֿן א אומגליק. דער סערזשאַנט האָט זיך צו אים גענומען טשעפּען — און אַז זײ װילן געפֿינען זײ שױן אויס א פֿאָרװאַנד — און ער האָט װי-דער אָפּגעשטאַרט א פֿעלד-געריכט מיט 5 יאָר דיסציפּלינאַר-באַטאַליאָן. װען ער האָט זיך פֿון דאָרטן אומגעקערט, האָט ער נאָך געהאַט צו דער-דינען 3 יאָר מיט צװײ חדשים. ער האָט דאַן באַשלאָסן זיך ארויסראַטע-װען פֿון דער אײביקער קאַטאָרגע, ס'איז אים אָבער ניט באַשערט געװען צו פֿאַרװירקלעכן זײן פּלאַן.

אײנמאָל אין א הײסן ברענענדיקן טאָג האָט זײער סעקציע געמאַכט א הײסן מאַרש טיף אין דער מדבר ארײן. דאָס װאַסער װאָס זײ האָבן מיט-גענומען איז שױן לאַנג געװען אויסגעטרונקען און קײן אַנדער װאַסער איז ניט געװען װאו צו קריגן. אלע סאָלדאַטן זענען געװען פֿאַרשמאַכט. ער איז פּלוצלונג פֿון דורשט און מידקײט אומגעפֿאַלן אױף דער ערד און געבליבן ליגן. ס'איז צו אים צוגעגאַנגען א אדיוטאַנט און אים באַפֿױלן אױפֿצושטײן און גײן װײטער. ער האָט אָבער ממש זיך ניט געקאָנט פֿון אָרט רירן. יענער האָט אים פֿאַרצײכנט און ער האָט װידער געקריגן 3 יאָר. ער איז אין דער װילדערניש אָפּגעװען נאָר צװײ יאָר—

איין יאָר איז אים געשענקט געוואָרן — און האָט זיך אומגעקערט אין זיין
רעגימענט, וואו ער האָט נאָך געהאַט א קורצע צייט צו דינען. אין עט-
לעכע טעג ארום איז ער קראַנק געוואָרן און זיך געמעלדעט צום דאָקטאָר
נאָך א באשײניגונג, וועלכע ער האָט טאַקע געקריגן. גראָד דאַן האָט דער
קאַפּראַל אים באַפוילן זיך זעצן שיילן קאַרטאָפלעס. ער האָט זיך אָפּגע-
זאָגט (ווייזט אויס, אז די יאָרן וואָס ער איז געווען פאַרשיקט האָבן אים
נאָך אלץ נישט אָנגעלערנט און נישט געקאָנט ענדערן זיין שטאָלצן ערלעכן
כאַראַקטער). ער האָט דערפאַר ווידער געקריגן 5 יאָר: קאַרטאָפלעס שיילן
איז אים טאַקע נישט געקומען, אָבער ווען דער קאַפּראַל הייסט מוז מען
פאָלגן. דער קאַפּראַל האָט שוין צוגעשטעלט א „מאָטיוו", ווי ער האָט געוואָלט.

ער האָט בלויז געמאַכט 3 יאָר, די איבעריקע 2 יאָר זענען אים געשענקט
געוואָרן דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געגעבן אויפ'ן אײראָפּעאישן מלחמה-
פראָנט — די מלחמה האָט זיך שוין דאַן געהאַט אָנגעהויבן —, וואוהין ער
איז גלייך אָפּגעשיקט געוואָרן.

איצט איז ער שוין א יאָר אויפ'ן פראָנט. ער האָט אלעס, ווי מיר,
מיטגעמאַכט אין די נאַסע קאַלטע טראַנשייען און דערביי אָפּגעשטאָרט א
רומאַטיזם. ער האָט אַנטייל גענומען אין ביידע אַטאַקעס וואָס מיר האָבן
געמאַכט. זעענדיק אז ער קאָן אלץ נישט פטור ווערן פון דעם ביטערן
לעגיאָנער-לעבן, האָט ער דערלאַנגט א בקשה צום קאַפּיטאַן — א בראַווער
נפש מיט ביידע אויפהיימלעכע אויגן —: היות ווי ער איז א בעלגיער און,
לויט'ן געזעץ, האָט ער דאָס רעכט צו דינען אין דער אַרמיי פון בעל-
גיע, פראַנקרייך'ס פאַרבונדעטע, — בעט ער, אז מ'זאָל אים דערלויבן
אַריינטרעטן אין דער בעלגישער אַרמיי. דער קאַפּיטאַן האָט אים אָפּגעזאָגט
אין זיין בקשה, מאָטיווירנדיק דערמיט, אז, ערשטענס, האָט ער געמאַכט
15 יאָר דיסציפּלינאַר-באַטאַליאָן און, צווייטענס, האָבן זיך נאָך נישט
געענדיגט זיינע 5 יאָר...

.5? 177

70741

— איך האָב אין מײַן לעבן געטאָן דעם גרעסטן פעלער און א
געוואלדיק פארברעכן דערמיט וואָס כ׳האָב מיך אנגאזשירט אין דעם
„פרעמדן-לעגיאָן“ — האָט ער מיר דעם צווייטן טאָג געזאָגט —, אצינד האָב
איך א לעצטן אויסוועג, וועלכער איז דער [illegible] איינציקער פונק
פון מײַנע פארלאָשענע טרוימען און האָפנונגען: אריינטרעטן אין דער
ארמײ פון מײַן פאָטערלאנד. איך וויל ניט און דארף ניט שטארבן פאר
פראנקרײַך, וועלכע האָט פון מיר געמאכט א דעגענערירטן צעבראָכענעם
מענטשן, א לומפּ און טויגאניכטס. איך וויל שטארבן פאר מײַן לאנד,
ניט פאר מײַנע מערדער, שענדער און פּײַניקער...

דעמזעלבן טאָג איז ער צוגעגאנגען צום קאַפּיטאַן און אים גע־
זאָגט: איר האָט פון מיר א ווילדע בעסטיע געמאכט, א שיכור און א
„פארקריפּלטע באשעפעניש; מײַן יוגנט, מײַנע הײליקסטן און טרוימען האָט
איר פארשוועכט און מיט די פיס צעטרעטן, — ווילט איר נאָך בײַ מיר
אוועקרויבן מײַן איינציקן פארגעניגן, מײַן לעצטע טרייסט און וואונטש
צו שטארבן פאר מײַן פאָלק?..“

די ווערטער זענען געזאָגט געוואָרן מיט אזא ווײמוט און טיפן צער,
אז דער קאַפּיטאַן איז אויך גערירט געוואָרן און אים צוגעזאָגט אוועקצו־
שיקן זײַנע פּאַפּירן צום קריגס-מיניסטער.

אצינד וואַרט ער אויף דעם לעצטן עפּיזאָד פון זײַן לעבן...

70742

אונזער קאלאנעל פ ע ן איז גאר ניט ענלעך געווען צו זײ־
די פוסטע בעל-גאווה'ס
נע קאלעגן אפיצירן. ער האט איבער געפאסט צו זײן א לערער, א פעדאגאג
וואס ליבט קינדער און דערציילט זײ שײנע פאנטאסטישע געשיכטעלעך און
ארום וועלכן די קינדער רױשן, טאנצן און פרײען זיך, — ווי צו זײן א
מיליטער-מאן און האלטן אין אײן פלאנען ווי אזוי אומצוברענגען מענטשן.
זײן אוניפארם האט לחלוטין ניט הארמאנירט מיט זײן אײדל מילד און פא־
טערלעך געזיכט, וואס האט שטענדיק אויסגעדריקט גוטהארציקײט און געטרײ־
שאפט. זײנע אויגן, גרויסע שײנע דענקער-אויגן, האבן שטענדיק געזוכט
און געפארשט עפעס בעסערס פאר'ן וואוילזײן פון מענטשן ווי מלחמה
אסקעט
און פארניכטונג. זײן גאנג איז געווען פון א[ו], א הײליקן, וואס
האט מורא צו צעטרעטן אויף זײן וועג קלײנע לעבעדיקע באשעפענישן
אדער פלאנצן.

די סאלדאטן האבן פון אים שטארק געהאלטן און האבן געהאט וועגן
אים צו דערציילן אסך חידושים. — מײן חבר האט מיר דערציילט, אז מען
פלעג אים שטענדיק רופן בײם נאמען (דאס איז א זעלטענע זאך, אז א קא־
לאנעל וואס איז שוין געווארן דער גענעראל פון דער בריגאדע זאל דער־
קענען זײנע סאלדאטן, מיט זײ רײדן און נאך בײ די נעמען רופן) און
פלעג אים שענקען פארשידענע זאכן. און אזוי איז ער זיך באגאנגען
אויך מיט אלע אנדערע, וועלכע ער האט געקאנט. ער פלעג קײנעם פון
אונז ניט באשטראפן, ווײל ער האט ניט געוואלט פארשאפן צרות די מענטשן,
וועלכע האבן זיך פרײוויליק אנגאזשירט צו פארטײדיקן פראנקרײך. אײנמאל
האט ער געטראפן צוויי „סאנטינעלן” אויף דער ערשטער ליניע שלאפן און
זײערע ביקסן — זײער לעבן — ליגן ווײט פון זײ; די גאנצע קאמפאניע האט
געקאנט צוליב דעם ארײנפאלן צום פײנט און פארניכטעט ווערן. ער האט
זײ אויסגעזידלט, אבער ניט באשטראפט... א צווייטן האט ער געטראפן

179

70743

2.

רויכרן אויף זײַן פּאָסטן, וואָס דאָס גיט (דעם שונא) אין דער נאַכט א מעגלעכקייט צו
שיסן. דער סאָלדאַט האָט זיך פֿאַרענטפֿערט, אַז ער האָט ניט געקאָנט בײַ־
שטיין דעם נסיון און אים לאַנגווײַליקייט געמוזט פֿאַררויכרן. ער האָט
דאַן אַרויסגענומען א פּעקל גוטן טאַבאַק און אים געגעבן, בעטנדיק אים
מער ניט רויכרן. [illegible]
[illegible]

ער פֿלעג ניט פֿאַרלאַנגען, מ'זאָל אים דעם וועג אָפּטרעטן אָדער
מאַכן אַוואַנסעס, ווי די מייסטע קלײנע אָפֿיצירן פֿאַרלאַנגען דאָס מיט נאַ־
רישער חוצפּה און גדלות. אין די טראַנשייען, וואו די וועגן זענען שמאָל,
ער פֿלעג מיר דורכלאָזן די סאָלדאַטן און דערנאָך אַלײן גיין. ~~ער/טלעגן/טעגן/~~
~~פֿאַל/ענען/ענטען,~~ ער פֿלעג קײנמאָל ניט קומען באַזוכן די סאָלדאַטן, ניט
האָבנדיק זיי געבראַכט פֿולע קעשענעס מיט פֿאַרשיידענע מתנות און, ווי א
געטרײַער פֿאָטער, מיט זאָרגמעליקער ליבע דאָס צווישן די סאָלדאַטן פֿאַרטײלן.
בײַ די אַטאַקעס פֿלעג ער באַגלײַך מיט אונדז אויפֿ'ן פֿעלד לויפֿן. מיר האָבן
זיך דאַן באַמיט זיך אויסצוצײַכענען און ווי צערײצטע לײבן געלאָפֿן קעגן
די פֿײַנטלעכע קאַנאָנען און קוילנוואַרפֿער, ביז מיר זענען צוגעקומען נאָענט
און אַרויסגעשטעלט די שפּיזן אין די ביקסן; ווי באַלד די דײַטשן האָבן
דערזען די שפּיזן, אַזוי זענען זיי גלײַך אַנטלאָפֿן. ער פֿלעג דעמאָלט פֿאַר
צופֿרידנקייט און פֿרייד אַרומלויפֿן, גלעטן און ליבן זײַנע „קינדער" וואָס
שלאָגן זיך אַזוי געטרײַ, און טרערן זענען אים אין די אויגן געשטאַנען..

אײנמאָל, ~~אַזוי~~ נאָך אַזאַ נצחון, האָט אים פּלוצלונג א פֿאַרבלאָנדזשע־
טע פֿײַנטלעכע קויל געטראָפֿן און ער איז אַנידערגעפֿאַלן מיט זײַן מילדן
צופֿרידענעם שמייכל אויף די ליפּן.. זײַן טויט האָט אויף אונדז אַלעמען
געמאַכט א שטאַרקן אײַנדרוק.

21/11/1915

ליבער פריינט!

איך האב פארלוירן איינעם א רוסישן חבר, א טייערן מענטשן.
ער איז געווען פריי ווי א גאט, שטאלץ ווי א ריז, קלוג, שיין און שטאלץ
ווי אפאלאן. ער האט אין רוסלאנד איבערגעקערט וועלטן, אין פאריז

180

70744

ס'דאַרף באַצײכנט ווערן דער פאַקט, אַז אין אַלע שלאַכטן און געפערלעכע מיליטערישע אונטערנעמונגען זענען די אידן געווען די ערשטע צו ריזיקירן מיט זײער לעבן: צי דערפאַר וואָס דער איד האָט בכלל ניט וואָס אָנצווערן אין זײן געדריקטן פון אַלע זײטן אומנאָרמאַלן לעבן, צי דערפאַר וואָס דער איד פילט מאָראַליש אַז ער מוז האַנדלען לפנים משורת הדין, כדי מ'זאָל אים נאָך זײן ווערט אָפּשאַצן, צי דאָס איז די טבע פונם אידן שטענדיק אײנצושטעלן און ריזיקירן, — צי די אַלע סיבות צוזאַמען האָבן געווירקט.

א טערקישער איד, וועלכער איז אין דער אַטאַקע געלאָפן פאָרויס, איז פאַרוואונדעט געוואָרן פון אַ קויל; ווען מ'איז צו אים צוגעגאַנגען און געוואָלט אים מאַכן אַ באַנדאַזש, האָט ער געשריגן: „גײט ברידער פאָרויס און האַלט זיך ניט אָפּ צוליב מירן” דער קאַפּיטאַן האָט אים אין שטערן אַ קוש געטאָן און מיט טרערן אים פאַרלאָזט. דער איד איז שפּעטער אויסגעגאַנגען. דער קאַפּיטאַן איז אין דער אַטאַקע אויך פון אַ קויל געשטאָרבן.

א צווײטער איד האָט געקריגן אַ שווערע וואונד און, ניט געקוקט דערויף, איז ער אַלץ געלאָפן פאָרויס צוזאַמען מיט זײנע חברים, געלאָפן מיט די לעצטע כחות און געשריגן: לעבן זאָל פראַנקרײך, — כדי די חברים זאָלן ניט אָראָפּפאַלן בײ זיך און פאַרלירן דעם קוראַזש ווען זײ וועלן זען אײנעם פון זײ פאַלן. — ווען ער איז געפאַלן אַ טויטער, האָבן שוין זײנע חברים געהאַט דורכגעמאַכט אַ גרויסע שטרעקע, לויפנדיק אין פײער אַרײן; דאָס האָט זײ געגעבן אַ בײשפּיל פאָרטצוזעצן דעם מאַרש.

א דריטער האָט געזען, ווי אַנדערע באַטאַליאָנען זענען שוין אַרויס פון די טראַנשײען און שלאָגן זיך העפטיק מיט'ן שונא, בעת זײער באַטאַליאָן געפינט זיך נאָך אין די טראַנשײען, — האָט ער אַ געשרײ געטאָן: „אויף וואָס וואַרטן מיר? אונזערע ברידער שלאָגן זיך און מיר וועלן וואַרטן און צוקוקן?!..” מיט אײן שפּרונג איז פאָרויס און

– וואָס וועלן מיר זיך דאָ אַרומשלעפּן צווישן די טויטע קערפּער,
ווי דאַנטע אין זיין דריטן באַנד?– לאָמיר פּרווון גיין מיט'ן פריי-
ען פעלד, וואָס קאָן דען זיין ערגער, האָט אונז דער איטאַליענער גע-
ראָטן.

דער פאָרשלאַג איז באַלד אָנגענומען געוואָרן און מיר האָבן זיך

ער שוין געווען אויף יענער זייט טראנשײע, און אויף זיין באפעל זענען
אלע מיטגעלאפן (דער גענעראל /// האט אונז אפילו שפעטער פארגעווארפן,
פארוואס מיר זענען געלאפן אזוי שנעל, אז ביז מ׳האט צו וויסן געגעבן
דער ארטילעריע, האט זי דערווייל געשאסן אין אונזערע רייען און פיל
פון אונז אוועקגעלעגט), די אפיצירן אויך איינגערעכנט.

א פערטער איד האט איינער אליין פארכאפט א קוילנווארפער
און די ///// סאלדאטן וואס האבן אים באדינט גענומען אין געפענגע-
ניש.

און אזוי האבן דער גרויסער רוב אידן זיך געשלאגן, ווי
אידישע קריגער
עס פאסט פאר די קינדער פון די חשמונאים. אסך זענען דערביי גע-
בליבן אויפ׳ן פעלד. מיר האבן זיי געלאזט אויפ׳ן שלאכט-פעלד אן
אביסל וואסער אדער אן א באנדאזש אלץ צוליב אונזער פליכט און גע-
טרייטאפט יום פאטערלאנד. — איינער, א מענטש מיט א גאלדענעם כאראקטער,
ווען ער האט געזען זיין שטארבנדן חבר ליגן אין פעלד, האט אים גע-
זאגט: „שטארב, ברודער, רואיק, פארהאלט ניט דיינע חברים; מיר וועלן
נאך דיר קומען".

70746 182

דער פירער פון דער גרופע פון די צוועלף לעגיאנערען, וועלכע זיינען טעקסטירט געווארען צום 363-טען רעגימענט, איז געווען, דער ערשטער -קלאסיקער סאלדאט- אבראם פראגער. אליין א רוסישער עמיגראנט מיט א ווייטער רעוואלוצ-יאנערער פארגאנגענהייט הינטער זיך.

געבאָרען אין א שטעטל פון קיעווער גובערניע אין א פאמיליע פון אסך קינדער - ער איז געווען דער פערטער. ניט קוקענדיג דערויף האָט זיין פאָטער א איז ניט געווען קיין פארמעגליכער, פלעגט ער ציען פון זיך די גלייו כדי צו געבען זיינע קינדער א העכערע בילדונג אז זיי זאָלען קענען דערגרייכען עפעס אין לעבען און קומען צו א תכלית אז זיי וועלען עלטער ווערען.

און די קינדער זענען אלע טאקי געווען געראָטענע, זיך געפלייסט און גוט געלערענט ארויסצוקומען פון גימנאזיע מיט א גאָלדערנעם מעדאל, כדי לייכטער אריינצוקומען אין אוניווערסיטעט. די צרה איז אָבער געווען מיט זיי, האָט ניט קוקענדיג אויף זייער פלייס, און ווילען צו שטודירען, זענען די טירען פון די רוסישע אוניווערסיטעטען פאר זיי געווען געשלאָסען און איינער נאָכ'ן אנדערען זענען זיי געווען געצוואונגען צו פארלאָזען רוסלאנד, כדי ווייטער צו זעטיגען דעם דורשט פון זייער שטרעבען. איינער איז אוועק אין דער שווייץ און איז געוואָרען צו גלייכער צייט פלעכאנאָוו'ס רעכטע האנד און געענדיגט אויף פילאָזאָפיע און מאטעמאטיק. דער צווייטער האָט שטודירט אין דייטשלאנד און איז געוואָרען א פירער פון בונד, דער דריטער האָט זיך געלערענט אין ווין און אין דערזעלבער צייט געגרינדעט די „עס-עס-פארטיי“. אברהם איז נאָך זייענדיג אין גימנאזיע געוואָרען א פארברענטער „עס-ער“ און אָנגעפירט מיט די גרופעס גימנאזיסטען.

ביז דער רעוואָלוציע פון 1905 איז די אונטערערדישע ארבעט פון דער פארטיי געווען זיך צו פארטיפען אין דער רעוואָלוציאָנערער פראָפאגאנדע, זיך צו פארשפרייטען צווישען פויערן און ארבעטער-עלעמענטען. דעם זיבעצנטען אָקטאָבער איז די פארטיי ארויס אין דער עפענטליכקייט און אברהם איז ארויס מיט א פלאמענדיקער רעדע פאר א טויזענדקעפיגען עולם אויף א טריבונע אין מיטען

70747

183



שטאט און ערקלערט פיטערליך די ציעלען און שטרעבען פון זיין פארטיי-פראג-ראם האט מען אים צוזאמגענומען ארויסגענומען פון בעט און פארשפארט אונטערן ריגעל. נאך לאנגע ארומהאנדלען מיט די עטאפן פון איין געפענגעניש צום אנדערן, איז אים ענדליך געלונגען ארויסצורייסן זיך פון די זשאנדארם-נעגעל און אנטלויפן קיין אויסלאנד.

אין פאריז איז ער שוין געקומען אין יאר 1910 נאך דער סען-פאר-פליצונג. אין דער צייט האט ער שוין אפגעריכט גלות אין עסטרייך, געווען אויס-געוויזן פון בודאפעשט און נישט קענענדיק בלייבן אין דייטשלאנד און נישט גע-פינענדיק וואס צו טון אין דער שווייץ - איז ער געקומען קיין פראנקרייך.

אין פאריז האט ער אפאר יאר געארבעט אלס [illegible] און אין דער זעלבער צייט שטודירט. עס איז געווען צייטן וואס ער האט האלבע טעג געארבעט אלס מאנעווער און די אנדערע האלבע טעג - אין דער סארבאן. זיך געבראכן דעם קאפ איבער דער לאגיק-בוך פון אריסטאטעל'ס. נאר דאס דאפעלטע-לעבן האט אים סוף כל סוף דערעסן, און ער מיט נאך איינעם, זיינער א לאנדסמאן און גימנאזיע-חבר, האבן באשלאסן צו ווערן פאבריקאנטן.

ער האט געמאכט עפעס א ערפינדונג, יענער האט באקומען עפעס געלד און ארייגעלייגט אין מסחר און סע איז זיי אזעק גוט, ווי געזאגט, מיטן רעכ-טן פוס.

און ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן זענען זיי שוין געשטאנען אין צענטער פון פאריז מיט א גרויסער פאבריק, מיט מאשינען און ארבעטער, וואס האבן שוין געארבעט פאר זיי.

נאר זיין אומרואיגער גייסט האט אבראמען נישט געלאזט שלאפן רואיג אין פאריז, ווען ער האט זיך דערוואוסט אז זיינע חברים - אמאליגע זיינענס-גע-נאסן געהען זיך אנגאזשירן אלעס ספעציעלער באטאליאן אונטערן נאמען „רעפובליקאנער'', איז ער געלאפן זיך אנשליסן אין די רעפובליקאנער גרו-פע אלס פרייוויליגער. נאר אויף זיין מזל, איז אים אויסגעפאלן אנצוקומען גאר אין א צווייטן רעגימענט פון די פרייוויליגע און נישט אין דעם רעגימענט

וואָס זײַנע חברים זענען אַרײַן אַלעס אַ גאַנצע גרופּע.

אין דעם זעלבן באַטאַליאָן בײַ דער אַטאַקע פֿון 9-טען מאַי, האָט זיך אַבראַם אויסגעצייכנט בײַ אַ אויסערגעווינליכן פֿאַל. אויף אַ מערקווירדיקן אופֿן:

דער גאַנצער באַטאַליאָן האָט זיך געפֿונען צופֿוסנס דעם בערגעל פֿון „140‘‘ דרײַ פֿירטעל פֿון דעם עפעקטום האָבן געפֿעלט אַסך טויטע און פֿאַר-וואונדעטע האָט געקאָסט ביז מען איז צוגעקומען מיט שווערע מיה צום בערגעל. די לעבעדיג געבליבענע האָבן מיט די לעצטע כוחות און אין גרויס ווילעניש מיט די קלײנע לאָפּאַטקעס זייערע געהאַלטן אין אײן גראָבן פֿאַר זיך שטיקלעך טראַנשייען דערמיט זיך צו שיצן פֿון די האָגלען קוילן און האַרמאַטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין אײן רעגענען אויף זײ. און מאַכן שיטערער די רייען. ל פֿון דער קאָמפּאַניע, וואו אַבראַם איז געווען זײַנען ניט געבליבן קײן אײנציגער אָפֿיציר און אונטער-אָפֿיציר די סאָלדאַטן זענען אַזוי געלעגן אין די גריבער וואָס זײ האָבן פֿאַר זיך אויסגעגראָבן און געוואַרט. די זון האָט דערווײַל גע-ברענט, די פּולווער האָט געשטיקט אין האַלז און דאָס פֿײַער פֿון קאַנאָנען האָט געריסן שטיקער ערד און געטראָגן צום הימעל. פּלוצלונג באַווײַזט זיך פֿאַר זײ אַ גאַנצע קערענגע פֿון דײַטשן וואָס ~~לײַבן~~ [illegible] זיך גלײַך אויף זײ צו אַטאַקירן די אַלע וואָס האָבן זיך געפֿונען אין די טראַנשייען האָבן ניט געפֿונען קײן אַנדער אויסוועג ווי נאָר אָפּצוטרעטן און לאָזן די דײַטשן פֿאַרנעמען דאָס אָרט. נאָר אַבראַם האָט זיך געגעבן אַ שטעל און גענומען די קאָמאַנדע אויף זיך, באַפֿוילן צו געבן אַ ווידערשטאַנד און די טראַנשייע איז געבליבן בײַ די פֿראַנצויזן.

דערפֿאַר איז אַבראַם געוואָרן פֿון די ערשטע באַערט צו ווערן מיט'ן דיוויזיאָנס קריגס-קרײַץ בײַ דער ערשטער מאַנעווער וואָס איז געמאַכט געוואָרן נאָך דער אַטאַקע ווען מיר זײַנען געקומען צום סעקטאָר פֿון די וואָגעזן וואו דער נײַער רעגימענט אונזערער האָט זיך געפֿונען און דער קאָלאָנעל איז אַרויס-געקומען אונז צו באַגריסן האָט ער זיך אָפּגעשטעלט בײַ אַבראַמען און אים באַטראַכט: אַזוי מײַן בראַווער יונג - האָט ער זיך צו אים געווענדעט - איר

טראָגט שוין אויף איער ברוסט א פאַרדינסט-קרייץ , א סימן פון העלדישקייט אין גראַטולירט איך און ווינש אז איער קומען אין אונזערע רייען זאָל גע-קרוינט ווערן מיט א זיג פאַר פראַנקרייך מיט אירע פאַרבינדעטע און איר זאָלט זיין דער גוטער ביישפּיל פאַר אייערע פריוויליגע חברים.

די נאַכט האָבן מיר שוין גענעכטיגט אונטער די פּאַלאַטקעס פון דעם „עסט-מאַזשאָר'' און געגעסן א פיינעם נאַכטמאָל צו דער צייט. צו מאָר-גענס ווען ס'איז געקומען דער ליטענאַנט פון דער הויפּט-קוואַרטיר פון רע-גימענט און אויסגעפרעגט יעדן פון אונז וואָס פאַר א שפּראַך מיר קענען און ווען ס'איז געקומען צו דייטש - האָבן אַלע זיך פאַרקוקנדיג אויף אָב-ראַמען געגעבן א נעגאַטיווען ענטפער.

נאָך איינער, דער עקשון צווישען אונז, האָט זיך אָבגערופען אז ער קען יע דייטש רידען און שרייבען, האָבן אים די איבעריגע געהאַלט פאַרשטיינען פאַר דער פרעכהייט און אברהם האָט זיך אָפּגערופען: אזוי גוט ווי דו רידען און שרייבען דייטש, קען איך אויך, אויב ניט פיעל בעסער, ווייל איך האָב שטודירט אין דייטשלאַנד, פונדעסטוועגען בין איך געווען גענוג טאַקטיש ניט צו זאָגען און זיך פאַרצושטעלען פאַר אַלעמען מיט מיינע קענטנעסע אין דייטש, אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ מאָמענט. יענער, דער עקשון איז אויך ניט געווען קיין און האָט פיינט געהאַט זיך צו לאָזען שפּייען אין דער קאַשע, האָט ער // אָפּגע-ענטפערט אַלעמען: איר מיינט דערמיט וואָס איר פאַרשווייגט צו פאַרלייקענען אז איר קענט רידען דייטש, וועט מען אויף איך ניט דערקענען אז איר זענט יודען! וואָס איז דאָס איבערהויפּט פאַר א גאַנג צו וועלען זיךאַליט פאַרלייקענען !? אויב איר טוט דאָס, קען מען ווירקליך דינקען ש איר זענט ניט אויפריכטיק און האָט דערביי שלעכטע אָפּזיכטען. פונדעסטוועגען האָט ניט געשטערט באַלד נאָך אַלעמען דעם זעלבען עקשון זיך אַנידערצוזעצען פאַר אַלע פראַנצויזען אין די אויגען און שרייבען אידישע בריוו צו זיינע. די פראַנצויזען האָבען זיך געוואונדערט דערזעענדיג צום ערשטען מאָל ווי מען שרייבט פון רעכטס אויף לינקס, האָבען זיי געפרעגט וואָס דאָס איז פאַר א שפּראַך, האָט דער בחור, אָן

70750 186



חיטערעס זיי געזאָגט אַז דאָס שרייבט ער אידיש און זיי ערקלערט דעם אַלפאַבעט.

דאָ האָבען שוין די איבעריגע חברים ניט געקענט מער אויסהאַלטען און גענומען זידלען דעם קאָלעגע זייערען פאַר זיינע „אידישע שטיק״. דער-הויפּט האָט זיך צו אים גענומען אברם: מיינסט חירקליך אַז מען מוז זיך אומעטום אַרויסשטעלן און זיך באַרימען אַז מען איז אַ איד. מען האָט אונז גענוג פיינט [illegible] מיט פאַרשטעלען זיך. און אַז מען חייסט חער מיר זיינען האָט מען אונז נאָך מער פיינט און מען פאַרפאָלגט אונז [illegible] חאָס זשע דאַרפען מיר אויף זיך ציען די אויפמערזאַמקייט פון אַלעמען ? איז דען ניט גלייכער און געזינטער סיי פאַר אונז, סיי פאַר אַלעמען, אַז מען חייסט ניט אַז מיר זענען אידען

– קיינער טוט ניט אַזוי פיל שלעכטס, חי דער מענש זיך אַליין ! קיין שום פיינד חאָלט ניט איינגענומען ירושלים, חען די אידען חאָלטען געחען איי-ניג צחישען זיך. דער בעסטער באַחייז : חאָס [illegible] בלויז מיט 300 מאַן ניט דורכגעלאָזט אַזאַ ריזיגע אַרמעע חי די פערסישע. מיינט איר אַז דאָס איז געחען אַ ג[illegible]זאַך ?!

פאַרחאָס שעמט זיך ניט אַ צייגיינער מיט זיין שטאַם, און אַ איד, יאָ ? מיינט איר חירקליך, אַז דאָס זעלבסט-פאַרלייקענען ברענגט אונז מער רואיגקייט און זיכערהייט ? – פאַרחאָס זאָלען מיר זיך באַהאַלטען מיט אונזער אידישקייט ? און מיט חאָס דאַרפען מיר זיך שעמען מער חי אַלע אַנדערע ראַסען און פעל-קער ! צו דען מיט דעם חאָס מיר זיינען געבאָרען אידען ? איך קען נאָך פאַר-שטיין משה׳ן, חען ער האָט זיך פאַרגעשטעלט פאַר יתרה׳ם טאָכטער פאַר אַ מצרי, איך קען נאָך פאַרשטיין שמעון פעטרוס׳ן חען ער האָט פאַרלייקענט זיין רבי׳ן פאַר די סקריבען און רוימישע סאָלדאַטען, איך קען נאָך באַגרייפען די אַלע חי די „משה-רבנות פאָליאַקען״ אברהם אָבינות איטאַליענער ״, די פראַנצויזישע איז-ראַעליטען און אַנדערע זייער גלייכען, חעלכע זיינען „פראַנצויזען״, „פאָליאַקען״, „ענגלענדער״ אַ גאַנץ קיילעכדיג יאָר, נאָר איין טאָג, יום-כפור, געהען זיי אין די סינאַגאָגע און טוען אָן דעם רבונו-של/עולם [illegible]

מיר אָבער זענען דאָקטון אַ גאַנץ אַנדער שניט : ניט מיר זוכען

צו געפעהלען די שיינע מיידלעך, נישט מיר האָבען מורא פאַר די קלעפּ וואָס די רוימישע סאָלדאַטען קענען געבען, נישט מיר דאַרפֿען זיך פאַרשטעלען אַגאַנץ יאָר אַז מען זאָל נישט וויסען אַז מיר זענען אידען און מיר לויפֿען נישט בעטען יום-כפור פאַר דעם וואָס לעבט אייביג... .דערפאַר דאַרפֿען מיר נישט פאַרשטעלען אונזער נאַטירליכקייט און זיך באַהאַלטען מיט אונזער אידישקייט. פאַרקערט, ס'איז בעסער אַי פאַר אונז, אַי פאַרן כלל ישראל, אַז מען זאָל וויסען אַז מיר זענען אידען וואָס האָבען זיך אָנגעשלאָסען פּריווילעג צו העלפֿען די פראַנ-צויזע אין אַזאַ קריטישען מאָמענט און שטעלען איין אונזער לעבען אין קאַן פאַרן פראַנצויזישען פאָלק און פאַר זיין פרייהייט.

- וויסטו פאַרוואָס מיר דאַרפֿען זיך באַהאַלטען און נישט אויסשרייען אונזער אידישקייט? - ענטפערט אברם - איך וועל דיר ערקלערען.- אַז איין איד טוט עפעס אַ שלעכטע זאַך, שרייט מען אַז אַלע אידען זענען שלעכט. אַז סע האָט זיך געפונען צווישען די אַלע אידישע „[illegible]

מיטן רבין אַריינגערעכנט, איינער וואָס האָט פאַרראַטען, - שרייט מען אונז נאָך ביז היינטיגען טאָג „דמס" מיר וועלען נישט המן שרייען, אַז מיר אידען זענען קריסט[illegible] אַז מיר זענען אַ פאָלק פון בלויז נביאים, געלערנטע, הייליגע און מאַרטירער. ניין! דאָס נישט. כאָטש מיר האָבען מער אַ רעכט צו [illegible] צו ווערען גערופען מיט די נעמען. מיר האָבען מער צווישען זיך גרויסע מענשען ווי אַנדערע פעלקער, פונדעסטוועגען שטערט נישט אונז צו ערנידעריגען און באַליידיגען אויף שריט און טריט, דערפאַר וואָס סע געפינען זיך צווישען אונז איינצעלנע אויסוואורפען און איין קרעציגע קוה, פאַראומרייניגט די גאַנצע טשערעדע ביי אונז

- ניין, שרייט אויף דער עקשון; ס'איז נישט ספעציעל דערפאַר ווייל מיר זענען אידען, דאָס אַלעס קומט דערפאַר ווייל מיר זענען די מינדער-הייט, ווייל מיר זענען די שוואַכע און אומבעהאָלפענע און אין לעבען שפּילט די אַקסיאָמע: „כל דהליף -גבר! - ווער ס'האָט די קראַפט, האָט דאָס רעכט. וואָלט די שאָף פאַרמאָגט די אייגענשאַפטען פון וואָלף, וואָלט זי זיך נישט געלאָזט אויפ-

אויפפרעסען פון אים. און אויב אידען זאלען ניט זיין ביי זיך אליין גע-
פאלען און זיך מער רעספעקטירט און געאכטעט, וואלטען די אנדערע פעלקער
זיי אויך מער רעספעקטירט און געאכטעט. מיר בויגען אליין איין דעם קאפ -
טרעט מען אונז אויפן רוקען.

די דאזיגע דיסקוסיעס, וואס פלעגען זיך קיינמאל ניט ענדיגען צווישען
די צוויי הויפט-געגנער, האט ניט געשטערט זייער איבערגעבענהייט איינער דעם
צווייטען און אז מען האט די צוועלף צוטיילט אויף פיר גרופען און געגעבען
אונז די פריוויליגע זיך אויסצווועלען ווער מיט וועמען וויל זיין צוזאמען -
האט אברהם אויסגעקליבען זיין שארפסטען געגנער און דעם סקולפטאר אלעק
דריטען צו זיין אין זען קאמפאניע זאלבע דריט.

און ווען מיט א צייט שפעטער מען האט זיך איינקווארטירט אויף א גאנ-
צען שטערען לאנגען ווינטער אין די טראנשעען פון די בערג און דער פריינד
איז גערופען געווארען שלעם מיקראפאניסט אין דעם „פאסט
דע עקוט'' איז אברהם געווארען איינזאם און מרה-שחורה'דיג. זיין מעלאנכאליע
האט זיך נאך פארשטארקט דערמיט וואס ער האט געזען איינעם נאכן אנדערן פון
די צוועלף לעגיאנערען, איבער וועלכע ער האט ניט לאנג קאמאנדירט, ווע-
רען קאפראלען און באשאנקען מיטן קריגס-קרייץ און ער איז געבליבען בא
זיין איין און איינציג בענדעל פון ערשטקלאסיגען סאלדאט, דעם איינאיינציגען
מעדאל וואס ער האט זיך אפגעשטארט נאך פון דעם לעגיאן. די פארשלאפען
ער איז געווען אין זיך און מער ניט ארויסגעוויזען דעם ענטוזיאזם פון
אמאל, - האט נאך פון צייט צו צייט צעפלאקערט ביי אים דאס איינוויינגסטע
פייער און די אויגען פלעגען נעמען פינקלען מיט האפענונגס- שטראלען, נאר
דאס איז שוין געווען דאס אגאניע-פייער פון א אויסגעברענטעס ליכט....

70753 189

דער שײנער בערנאר איז געחען דער שפיגעל פון דער גרופע. הויך, שלאנק און פעסט געבויט. מע פלעגט איהם רופען מיט'ן צונאמען דער אנטינאום פון 363-טען, בײ חעלכען ער פלעגט רויט חערען איבער די אויערן ~~דורך חיל~~ קשית מען פלעגט אים רופען בײ דעם נאמען.

פאר זײן שײנקײט און חנ'עודיגען שמײכעל האט נײט געפעהלט קײן סך ער זא[ל] באצאלען מיט'ן לעבען אויף א מערקוירדיקן אויפן.

געחען איז דאס די ערשטע צײט חי ער איז געקומען קײן פאריז. דארט חאו ער האט געארבעט אקעגען איבער זײן פענסטער פלעגט שטענדיג ארײבערקוקען צו אים פון יענער זײט הויף א יונגע סימפאטישע פרוי. פון אנפאנג האט ער זיך נײט פיל אומגעקוקט און געקימערט חעגען דער פרוי [illegible] נאר חען עס איז אחעק א חאך נאך א חאך און ער האט יעדען טאג אין באשטימטע שטונדען באמערקט די פרוי שטײן בעם פענסטער נײט ארפלאזענדיג אויף קײן מינוט די אוי-גען פון איהם, האט עס איהם גענומען אינטריגירען און ציהען זײן אויפמערק-זאמקײט ביסלעכחײז, ביסלעכחײז. ביז זײערע בליקען האבען זיך באגעגענט און [illegible] לאנג געבליבען שטעהן אײנער אויפן אנדערען. האט זי געגעבען א שמײכעל - האט [...] אפגעענטפערט....

מער האט ער שוין נײט געדארפט. אין א קורצע צײט זײנען זײ געחארען באפרײנדעט און זיך געגעבען א ראנדעחאו. צוערשט אין א קאפע, שפעטער אין א [illegible]האטעל און דערנאך איז ער שוין געחארען א אפטער ארײנגעהער צו דער פרוי אין שטוב....

חער די פרוי איז געחען און חאס זי טהוט האט ער נײט געחאוסט, חײל ער האט זיך [illegible] מיט איהר נײט געקענט צוזאמענרײדען. נאר מיט דער צײט איז ער בלויז ערפארען, אז זי האט ערשט נײט לאנג חתונה געהאט און אז זי האט נישט איבעריגענס ליעב איהר מאן, אז דער מאן איז מער אין דער פרעמד חי בײ זיך אין דער הײם, זיך נײט קימערנדיג חעגען זײן יונגער פרוי און פאמיליע-לעבען. חען ער האט ערפארען דאס אלץ איז פאר איהם געחען גענוג צו פוילען בײ זיך אז ער [illegible] טוט נײט קײן אומרעכט חעמען מיט חאס עס איז געחארען א אפטער

אַרײַנגעהער צו דער יונגער פֿרוי בשעת דער מאַן איז ניטאָ אין דער הײם.

טרעפֿט זיך אַמאָל אַז דאָס פּאָרל האָבן זיך פֿאַרגעסן אין אַ עקסטאַז פֿון ליבע ניט קימערנדיק זיך סײַ פֿון צײַט און אָרט סײַ פֿון מאָמענט און אומשטענדען און פֿאַרבראַכט באַקװעם אינטים צוזאַמען. אין מיטן דערינען הױבט מען אָן צו קלאַפּן אין טיר. די פֿרוי לױפֿט אַראָפּ פֿרעגן װער ס'איז און קומט צולױפֿן מהר טױט װי לעבעדיק שטאַמלענדיק: אײ, מײַן מאַן, מײַן מאַן! און אײדער װאָס װען, כאַפּט זי איהם אָן בײַ דער האַנד, עפֿנט ראַש אױף דאָס פֿענסטער פֿון שלאָף-צימער און שטופּט איהם אַרױס....

דאָס גליק זײַנס איז געװען, װאָס ער האָט געהאַט בלױז צו שפּרינגען, אַ האַלב-נאַקעטער און באָרװעסער, פֿון ערשטן שטאָק און דאָס זעלבע זאָל געװען פּאַסירן אױפֿן פֿינפֿטן שטאָק, װאָלט ער קײן אַנדער ברירה ניט געהאַט.....

-דער פֿאַל- האָט ער אונז דערצײלט -װעט שױן זײַן אַ לעהרע אױף מײַן גאַנץ לעבן- איך װעל שױן פֿאַרזאָגן קינדס קינדער אַזעלכע געפֿאַהרען זיך ניט אױסצושטעלן צוליב די נאַרישקײטן און חנדלע פֿון אַ פֿרױ.-

אַ שפּילער, אַ געלאַסענער נאַטור ניט קײן אױסשטעלער, האָט ער זיך דערװאָרבען די סימפּאַטיע פֿון די אַרומיקע מיט װעמען ער האָט פֿאַרקעהרט. געבױרען דװקא אין אַ גרױסער רוסישער שטאָט, װאו דאָס לעבן האָט געקאָכט װי אין אַ קעסל און די יוגענד האָט זיך געװאָרפֿען אין די אָרעמס פֿון לעבן. װער אין טאַנץ-קלאַס שפּילען דעם קאַװאַליער, װער אױף דער פּאָליטישער אַרענע - איז געװאָרען אַ סאָציאַליסט אָדער אַ רעװאָלוציאָנער, װאָס איז דאַן שטאַרק געװען אין דער מאָדע און אַפּעלירט צו דער יוגענד. בערנאַרד איז געשטאַנען פֿון דערװײטנס דעם אַלעמען און געגאַנגען זײַן אײגענעם לעבענסװעג.

ס'איז מעגליך דערפֿאַר װאָס ער איז זעהר פֿרי געבליבן אַ יתום, אָהן אַ פֿאָטער, צו לאַסט אַ קראַנקע מוטער, װאָס איז געבליבן עלענד און געהאַט אױף זיך צו ערנעהרען פֿיער קינדערלאַך. און אַזױ װי ער איז געװען דער עלצטער,

איז אויסגעפאלן אויף זיין גורל צו טראגן דעם יאך פון דעגות-פרנסה שוין פון קינדהייט אן. זייט ער איז געקומען צום שכל צו באגרייפן דאס לעבן מיט זיינע פאר-העלטעניסן.

כאטש ער האט קיינע עלעמענטארע בילדונג ניט פארמאגט ווי ס'ע געהערט צו זיין, פון דעסטוועגן האט ער געהאט א גרויסן פארלאנג צו בילדונג און אין די פרייע מאמענטן פון זיין לייט פלעגט ער אויסניצן צו שטודירן און לעזן ביכער. קיין גרויסער איבערקלייבער אויף ליטעראטור איז ער ניט געווען, וואס ס'איז איהם ארייגעפאלן אין די הענד, האט ער געלעזן מיט גרויס התמדה און פון די ביכער האט ער זיך ארויסגעזען ווי אין א שפיגעל זיין יוגענד טרוים פארווירקליכן זיך, זיינע פארלאנגען זעטיגן זיך און די צוקונפט צו דערגרייכן. אזוי אז ער האט געלעבט דאס לעבן פון די העלדן פון די ביכער. און יעדן מאמענט פון די העל-דן האט ער זיך געזען ליידן, קעמפן, זיגן און שטארבן. אין דאס רעעלע, ווירק-ליכע טאג-טעגליכע לעבן איז איהם ניט אנגעגאנגען. ער האט געלעבט אין טרוים און דאס וואכעדיקע לעבן איז געווען ביי איהם א חלום.

די פאגרמען און די ערשטע רוסישע רעוואלוציע איז דורכגעגאנגען ווי א ווילדער שטורעם, ארויסרייסנדיג בוימער מיט די ווארצלען און צו-שטערנדיג דאס רואיגע פאמיליען-לעבן פון די דורכשניטליכע מענשן, וואס האבן געלעבט א געזונטען פאלקסטימליכן פרימיטיווען לעבן זייט דורות לאנג צווישען די אלטע וואס דער שטורם פון דער רעוואלוציע און פאגראמען האט ארויסגעריסן פון זייער באזע און פארשטויסן אויף אלע עקן וועלט, איז אויך געווען דער יונגער בערנארד.

אין די פינף יאר צייט וואס האט איהם אפגעטיילט פון זיין געבורטס-שטאט, ביז פאריז, האט ער שוין אויסגעוואנדערט א וועלט. אין פאריז איז ער געקומען אפאר חדשים פאר'ן קריעג, וואו ער האט געארבעט אלס ספעציאליסט אין האלץ-שניצעריי אויף פיגורען און בלומען. ער האט זעהר גוט פארדינט און געשיקט פון זיין פארדינסט יעדע וואך געלד צו זיין מוטער און שוועסטער קיין רוסלאנד, אז זיי זאלן ניט דארפן

70756



זיך אַזוי שטאַרק פּלאָגן.

אין מיטן דערינען ברעכט אויס די מלחמה און מיין בערנאַרד ווערט פאַר-
כאַפּט אין דעם שדים-טאַנץ.

אַזוי ווי ער האָט קיינעם ניט געהאַט אין פּאַריז זיך צו עצה'נען צו זאָל
ער יאָ אָדער ניט זיך אָנשליסן אַלס פרייוויליקער אין דער פראַנצויזישער אַרמעע,
האָט ער ביי זיך אַליין באַשטימט - אַז יאָ. ערשטענס, האָט ער אַרגומענטירט, איז פראַנק-
רייך דאָס קלאַסישע לאַנד פון פרייהייט און פּראָגרעס און כאָטש ער איז ניט געווען
קיין אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט, פונדעסטוועגן האָט ער פיעל סימפּאַטיזירט מיט
די אידעען פון סאָציאַליזם. און צווייטענס - אַלס איד האָט ער געפיהלט פיעל דאַנק-
באַרקייט צום פראַנצויזישען פאָלק פאַר דעם פּראָקלאַמירען פון רעכט פון יעדען מענ-
שען און בירגער  בלויז דאָס עמאַנציפּירען פון אידישען פאָלק אַלס גלייכבאַרעכ-
טיגער צווישען אַל פעלקער.

אין פרעמדען לעגיאָן האָט ער זיך ניט באַקלאָגט אויף קיינעם . פון די
אַטאַקען איז ער אַרוים אונבאַשעדיגט. ער האָט אַפילו באַקומען אַ קויל וואָס האָט אים
אַביסל פאַרוואונדעט אין קאָפּ ביי דער ערשטער אַטאַקע, נאָר ווען מען האָט איהם געמאַכט
דעם ערשטען באַנדאַזש, האָט ער זיך געפיהלט געזונד און געבעטען צוריק אין זיין
רעגימענט שוין דעם צווייטען ט טאָג.

ווען מען האָט זיך דערוואוסט אין ערשטען רעגימענט פון דעם טרויערי-
גען צופאַל וואָס איז פאָרגעקומען אין צווייטען רעגימענט פון דעם פרעמדען לעגיאָן
- דעם טראַגישען ~~xxx~~ סוף פון די ניין רוסישע פרייוויליגע, וועלכע זיינען דערשאָסן
געוואָרען אָן אַ פאַוואָס און אָן אַ פאַרוואָס, פון די זעלבע פראַנצויזען, וועלכע זיי זע-
נען ערשט ניט לאַנג געגאַנגען פאַרטיידיגען מיט אַזאַ ענטוזיאַזם און ליעבע - איז
איז מען געוואָרען אומרואיג און מען האָט זיך געשראָקען פאַרן גורל פון די עט-
ליכע און צוואַנציג אַנדערע רוסען, וועלכע זיינען פאַראורטיילט געוואָרן דורך דעם
זעלבען פעלד-געריכט אויף צוואַנגס-אַרבעט, דערפאַר וואָס זיי האָבען ניט געוואָלט דער-
שיסען אויפן באַפעהל זייערע חברים, וואָס האָבען מיט זיי ערשט נעכטען געגעסען פון

אין קעסעל און זיך געהאלגערט אין דיזעלבע טראנשעען. די דאזיגע אומרואיגקייט און
און שרעק האט געברענגט דערצו, אז אלע רוסישע אונטערטאנען פון ערשטן פרעמדן
לעגיאן האבן זיך גענומען בונטעווען און פראטעסטירן וואס מען האלט זיי אין
פרעמדן לעגיאן און מע באהאנדלט זיי ווי פארברעכער.

אין א געוויסן טאג, ווען דער רעגימענט האט „געזאלט ארויסגעהן
אויף דער ערשטער ליניע", האבן זיך צוזאמענגענומען אלע „רוסן" און פארלאנגט
איינס פון די ביידע: אדער מען זאל זיי איבערפירן אין דער רעגולערער פראנצוי-
זישער ארמעע, וואו מען באהאנדלט מענטשליכער, אדער מע זאל זיי שיקן קיין רוסלאנד.
בערנארד איז געווען פון די געציילטע וואס זיינען ניט געווען איינשטימיק מיט דעם
סטרייק אין אלגעמיין און נאך ווייניקער - מיט די פאדערונגען. נאר אזוי ווי אלע
האבן באשלאסן ניט צו גיין אויף דער ערשטער ליניע, ביז מען וועט באפרידיקן
זייערע פאדערונגען, האט ער ניט געוואלט בלייבן קיין אויסנאם און מיטגעהאלטן
סטרייקן. און אזוי ווי ער איז געווען פון די געציילטע וואס זיינען געווען קעגן
סטרייק אין אלגעמיין, איז ער אויך געווען פון די געציילטע וואס [illegible] האבן גע-
טראגן די קאנסעקווענצן פון דעם געפערלעכן סטרייק בשעת מלחמה, ווען דער פיינד
איז ניט ווייט.

און ווען שפעטער דער רוסישער פאלקאווניק איגנאַטיעוו וועלכער איז גע-
שיקט געווארן פון פאריזער אמבאסאדאר איזוואָלסקי צו רעקרוטירן אלע רוסישע
פרייוויליקע פון פרעמדן לעגיאן און זיי צו שיקן קיין רוסלאנד - איז בערנארד
געווען פון די ערשטע צו פראטעסטירן און פארלאנגט צו בלייבן אין דער פראנ-
צויזישער ארמעע. א דאנק אים און נאך איניקע - זיינען די מערסטע פרייוויליקע
געבליבן אין דער פראנצויזישער ארמעע וואו מען האט זיי דערנאך צושיקט אין די
רעגימענטן, וועלכע מען האט זיי געגעבן אויסצואוויילן.

אין דעם 363-טען רעגימענט האט זיך [illegible] בערנארד געפילט גליקליך,
אויב מען קען אנרופן א גליק איבערהויפט דאס שטענדיקע וואכן און ערווארטן פון
טויט אין די אלע פיזישע און גייסטיקע ליידן - ביז מען דערגרייכט צו דער מדרגה
פון סוף.

70758 1

193

דער „עקשון'' איז געווען ביי זיך זיכער און טיף איבערצייגט, אַז ער וועט איבערשטייגן אַלע זיינע חברים סיי אין גראַד, סיי אין פאַרדינסט.-אויסצייכענונג אין דעם נייעם רעגימענט.

זיין דורכפאַל אין דעם פרעמדען-לעגיאָן, וואָס ער האָט געליטען, האָט ער צוגעשריבען דעם זערזשאַנט פישער, אַ עלטער לעזשיאָנער, אַ געשמ'טער דייטשער איד, וועלכער האָט אים מיט ניט געוואָלט צושטעלן אַלעס ערשטקלאַסיגן און קאַפּראַל פאַר זיין אידישען שטאָלץ, כאָטש דער קאַפּיטאַן האָט ביי געלעגענהייטען אַפּאָר מאָל געזאָגט דעם זערזשאַנט און אים צום ענדע געמאַכט פאַרוואורף וואָס ער, אַלס עלטערער פון דער סעקציע, האָט אים ניט געמאַכט אויפמערקזאַם אויף אַזאַ גוטען סאָלדאַט. און נאָך מער האָט ער געליטען אַ דורכפאַל ביי די אַטאַקען וואו ער האָט זיך געפלייסט און איינגעשטעלט דאָס לעבען אַבי צו קריגען דעם פאַרדינסט-קרייץ צום סוף האָט אים זיך אויך דאָס אויסגעגליטשט פון די הענד און ווידער ניט געלונגען, ווייל די אָפיצירען וואָס האָבען אים באַמערקט און וואָלטען אים זיכער ציטירט נאָך די אַטאַקען - זענען איינער נאָכ'ן אַנדערן געפאַלען בשעת'ן קאַמף און ער איז נעבעך געבליבען אַ גאַנצער ניט געשעדיגט נאָר אָן אַ אויסצייכענונג און אָהן בענדער אַרום די מאַנזשעטען פון די אַרבעל.

נאָר זיינע עקשנות האָבען איהם אויך אין נייעם רעגימענט געשטערט זיינע אַמביציעס צו דערגרייכען. זייענדיג אויפן פּאָסטען פון אַ מיקראָפאָניסט, ווי אַ סך פון זיינע חברים האָבען אים מקנה געווען, האָט אים דער לעטענאַנט פון דער הויפּט-קוואַרטיר געפונען אַפּאָר מאָל זיצענדיג ביים פּאָסט מיט די צוויי הערערס ביי די אויערען און גלייכצייטיג שרייבען ראַפּאָרטען וואָס ער האָט געהערט פון די דייטשע פּאָסטענס און אידישע לידער ווי ער האָט אַריינגעשריבען אין העפט וואָס איז שטענדיג געלעגען אויפן טיש. דער אָפיצער האָט אים געפרעגט וואָס ער טוהט און וואָס פאַר אַ שפּראַך ער שרייבט, האָט ער אים ערקלערט און דערמיט האָט דאָס זיך געענדיגט. נאָר אין אַ קורצער צייט אַרום איז ער איבערגעגאַנגען צוריק אין זיין אָפּטיילונג אין די טראַנשעען.

און אזוי האט ער געזען די 44 איבער נאכ׳ן צװײטען פון זײנע פריער-
דיגע חברים זײנען געװארן קאפּראלן מיט אויסצײכענונגען איבער אפילו האט שוין
דערגרייכט די שטופע פון א סערזשאנט און ער איז געבליבן בײ זײן מאגערן
קרײץ אויף װעלכן ער האט געליגט אזוי פיל האפענונגען.און װאס האט איהם
איצט אויסגעזען אזוי נישטיק און װערטלאז.

זײן אײנציגער טרײסט איז געװען װאס אויך װילקאמיר איז געבליבן װי
ער אזוי ענטוישט און אפגעבארט אין די האפענונגען פון דער מיליטערישער
קאריערע. גראדע די אײניגע װאס האבען ניט געװאלט זיך אויסצײכענען און ניט
געשטרעבט דערצו - זײנען געװארן געגען זײער װילען קאפּראלען און געקראגען
קריגס-קרײצען צופעליגער װײזע און ער, אזוי װי װילקאמיר האט האבען געטון
אלעס מעגליכעס זיך אויסצוצײכענען און װערען געקרוינט אלעס העלדען - זײנען
געבליבן הינטערשטעליג און ענטוישט.

און דאס לעבען האט זײ אפגעטון א שפּיצעל װײל זײ האבען זיך בײ
יעדער געלעגענהײט אײנגעשטעלט און אויסגעשטעלט - זענען 44 זײ געבליבן
לעבעדיגע עדות [illegible] אין דערצײט װאס די אנדערע זענען אום-
געקומען אין די שלאכטען איבער נאכ׳ן אנדערן.

70760

דער פאריזער בעל הביתל איז געווען א זעלטענער עקזעמפליאר פון א טיף הויך געוואקסען, גרויס און שטארק, דערביי שרעקעדיק ווי א קינד מיט יעדען האט ער איינגעשטימט און אלעמען רעכט געגעבען. צום סטרייק פון די פריוויליקע רוסען איז ער געווען פון די ערשטע און ווען דער קאלאנעל מיט די קאפיטענער זענען געקומען און גענומען סטראשען מיט דערשיסען און גערופען צו זיי די וואס ווילען ניט טראגען די שווערע ~~קאססאקסאסס~~ קאנסעקווענצען פון דער שטראף - איז ער געווען דער ערשטער חרטה צו האבען און איבערלאזען זיינע חברים צו זייער אייגענעם שיקזאל.

א פאטער פון א פרוי מיט דריי קינדער האט זיך אנגעשלאסען אלס פריווילי-גער צוליב צוויי טעמים: ערשטענס האט מען אים איינגערעדט און ער האט פעסט גע-גלויבט אז די מלחמה וועט מער ניט געדויערן ווי זעקס וואכען - העכסטענס דריי חדשים. באוויזען דערצו זיינען געווען גענוג: איראפע, וואס איז אזוי אינג פארבונ-דען צווישען זיך וועט ניט קענען לעבען לאנג אין קריג. דייטשלאנד מוז אנקומען צו רוסלאנד נאך לעבענסמיטעל; פראנקרייך נאך דייטשלאנד דארף אנקומען צוליב כעמישע שטאפען וועט איינגלאנד אפשליסען מיט איר פלאט די ים'ן - וועט אויס-פעלן נאפט און קוילן. מיט איין ווארט - די מלחמה קען ניט לאנג האלטען. און דער-פאר איזראטזאם אז די פרעמדע זאלן זיך אנשליסן אן דער פראנצויזישער ארמעע וויל ביז מען וועט זיי אויסלערנען צו האלטען א ביקס אין דער האנד און סע וועט אויסקומען זייער ~~[illegible]~~ חוב צו געהען אויפן פראנט - וועט שוין זיין די מלחמה צו ענדע און מען וועט זיי לאזן פריי צו זייערע ~~[illegible]~~ ווייבער און קינדער. און נאך א טעם איז געווען דערביי: דאס לעבען אלס פרעמדער אין א לאנד וואו ס'איז אים גוט און ער מאכט א לעבען ווערט דערעסען. אזוי וועט ער קומען פון דער מלחמה ווי א אמת'ער פראנצויז, זיינע קינדער וועלען שוין זיין פראנצויזען און ער וועט אויך האבען צו דערציילען וואס ער האט מיטגעמאכט אין דעם קריג. קיינער וועט אים ניט קענען מער אויפווארפען, ווי אין דער לעצטער צייט, אז ער איז א פרעמדע

חאָס איז געקומען אויפעסען בײ די פראַנצויזען זייער ברויט. מען חעט אויף אים ניט קוקען קרום, חען ער חעט אויפעסענען דאָס מויל צו רײדן אַ שלעכטע פראַזע אין פראַנצויזיש.

די זעקס חאָכען חאָס די מלחמה האָט געזױלט האַלטען, לויט זײן אויסרע-כענונג, האָט זיך פאַרצויגען שוין מעהר פון אַ יאָהר און סע נעמט ניט קײן סוף. אין דער צײט חאָס ער און זײן גלײכען האָבען געדײנקט סע דאַרף נעמען זיך אויסלערנען צו זײן אַ סאָלדאַט און צו האַלטען אַ ביקס אין האַנד חי מען באַדאַרף צו זײן חעט אַלעס זײן צו ענדע, האָט זיך שוין פאַרלויפען גרויסע פאַ-סירונגען און ביטערע איבערלעבונגען. ער האָט שוין מיטגעמאַכט אַפאַר גרוי-סע אַטאַקען און קוים אַרויס אַ גאַנצער מיט די בײנער. ער איז שוין געחאָרען אַ אַלט געבאַקענער סאָלדאַט און אויך צוגעחאונט געחאָרען צום טראַנשעע לעבען אַז דאָס ציחילע לעבען האָט אים שוין געכומען אויסזעהן פרעמד אַ לאַנגפאַר-געסענעס. די ביקס האָט פאַרנומען דאָס אָרט פון חײב חי מע האָט אים אָנגעזאָגט אין קאַזערנע. זײן גאַנצע אויפמערקזאַמקײט, האָט מען אים אַרײנגעקלאַפט אין קאָפ, דאַרף זײן די דיסציפלין און די באַפעלען פון זײנע עלצטע חײטער דאַרף ער זיך ניט קומערן אום קײן שום זאַך. און ער האָט שוין גענומען פילען אַז ער איז שוין אַ פאַלקאָמענער סאָלדאַט חײל ער טוט אַלעס רײן אויטאָמאַטיש ניט איבערקלע-רענדיג צו דאַרף ער דאָס טון צו ניט. און אײנמאָל [illegible] בשעת [illegible] איז ער מיט נאָך אַפאַר פון דעמזעלבן עסקאַדר געגאַנגען אויסזוכן האָלץ פאַר דער קאַפע פון דער סעקציע און אַ פויערטע פון דער פערמע האָט זיך באַקלאָגט פאַרן אָפיצער אַז זײ האָבן איר צעבראָכן דעם פליט און פאַרנוצט אַלס ברען-מאַטעריאַל האָט דער אָפיציר זײ געפרעגט: „חאו האָט איר גענומען דאָס האָלץ´פאַר דער קאַפע?´´ - מיר האָבן דאָס געפונען אויף אונזער חעג - האָט אײנער געענטפערט.
- „ חאָס,- איז דער אָפיציר געחאָרען אַ אָנגצונדענער- איר האָט דען אַ חעג !´´

חאָס איז דאָס פאַר אַ שפּראַך:„אונזער חעג ! ´´ חײסט איר דען ניט אַז איר האָט ניט קײן אײגענעם חעג, אַחוץ דעם חעג חאָס מען באַפעלט אײך צו געהן ! -

און דער אָפיציר האָט זײ אַװעקגעלײגט אַ מוסר און זײ געגעבען אַ לעקציע איבער
דיסציפּלין און מיליטערישער טעמע, אַז אַלטע סאָלדאַטען װי זײ זײנען דאָס, דאַר-
פען שוין װיסען װי צו רײדען מיט אַ עצטען און ניט האָבען קײן
אַנדער מײנונג אַ חוץ די פון זײנע אָפיצירען און קײן אַנדער װעג אַחוץ דעם
װעג װאו מען שיקט זײ און מען באַפעהלט זײ צו געהען.

נאָכדעם װי דער אָפיצער איז אַװעק פון זײ, האָבען אַפּאָר גענומען איבער-
קײען די מוסר-רײד פון זײער עלצטען און ס׳איז זײ געװאָרען זויער אין מויל
דאַגעגען דער פּאַרזיער בעל-הבית׳ל האָט זיך גאָר ניט געקימערט און ס׳איז בײ
אים פאַרגעקומען נאַטירליג און זעלבספאַרשטענדליך דאָס ער טאָר ניט פאַרמאָגן
קײן אַנדער מײנונג און קײן אַנדער װעג אַחוץ דעם- פון זײנע עלצטע.

די ערשטע נאַכט, װען אונזער באַטאַליאָן האָט פאַרנומען אַ פּאָזיציע
אויפען נײעם װאַלד-סעקטאָר און צושטעלט די װאַך אַרום, פאַרגלוסט זיך דעם פּאַ-
ריזער בעל-הבית׳ל צו מאַכען אַ שפּיקעל שפּאַציר אין װאַלד ניט װײט פון דער
פּאַלאַטקע פון זײן אָפטײלונג, נאָר אַזוי װי סע איז שוין געװען פינסטער, האָט
ער זיך ניט אַזוי גוט אָריענטירט צװישען די בײמער פון װאַלד און פאַרלוירען
דעם װעג אויף צוריק.... אין דעם װי ער בלאָנדזשעט זוכענדיג זײן פּאַלאַטקע,
הערט ער װי מען שרײט: „האַלטא לאַ! קי ?! און אַזוי װי ער האָט גערעדט
פראַנצויזיש װי אַ טערק, האָט ער פאָגעגענטפערט: קאַמאַראַד פראַנסע! . און אַז ער
האָט דערהערט די צװײ װערטער מיט׳ן אַקסענט איז ער געװען בײ זיך איבערצײגט
אַז ער האָט צו טון מיט אַ דײטש װאָס האָט זיך פאַר׳גנבעט אין די פראַנצויזישע
טראַנשעען און ניט קלערענדיג קײן סך - אויסגעצויגען די ביקס און אָפגעשאָסען
די האַנד פון דעם „קאַמאַראַד״. דער האָט גענומען שרײען פון װעהטאָג און
שרעק און יענער פון שרעק און איבעראַשונג האָט גענומען שיסען אין דער װעלט
אַרײן ביז מען איז זיך צוזאַמענגעלויפען און געפונען דעם בעל-הביתל ליגענ-
דיג אין אַ טײך בלוט, זיך קאָרטשען פון יסורים און דעם פראַנצויזישען סענטינעל
איבערגעשראָקען ביז טויט, גלויבענדיג אַז אַ דײטש איז אים באַפאַלען......

דעם צװײטען טאָג איז פון אומגליק געװען אַ ראַפּאָרט פון רעגימענט

און מען האַט אויפמערקזאַם געמאַכט די פראַנצויזען, אַז צװישען זיי געפינען זיך פרייװיליגע רוסען, זאָלען זיי קיין טעות ניט האַבען מער און מען בעט די נייע אָנגעקומענע „רוסען'' ניט צו פאַרלאָזען אליין די טראַנשע װאו דער װעג איז זיי אומבאַקאַנט. און דערמיט האָט זיך געענדיגט.

מער פון אלעמען איז געווען צוריקגעהאלטן און פארבליבן פאר אונז א סוד דער „בנימין“ פון אונז צוועלף אדער „אונזער בנימין“ ווי מיר האבן אים גערופן, ווייל ער איז געווען דער איינגסטער צווישן אונז. ער איז געבוירן אין פאריז פון רוסישע עלטערן און גערעדט בלויז פראנצויזיש, אידיש האט ער פארשטאנען, נאר רוסיש - קיין אות ניט.

פון זיין לעבנס-געשיכטע האבן מיר זיך בלויז דערוואוסט אויף אזוי פיעל דאס זיין פאטער איז אוועק פון רוסלאנד באלד נאך די פאגראמען פון 82-טען יאר און נאך לאנגע ארומוואנדלען -ענדליך זיך באזעצט אין פאריז אויך בלויז צייטווייליג. נאר דא האבן ~~אא~~ שוין אנגעהויבן אונטערצוקומען קינדערלאך איינער נאכ'ן אנדערן און ס'איז אים שוין געווארען שווער זיך צו רירן פון ארט און אזוי איז ער געבליבן זיצן אין פאריז. דערווייל איז אונטערגעקומען דער קריג און ער מיט זיינע צוויי עלטערע ברידער, אויך געבוירענע אין פאריז, זיינען אוועק אלס פריי-ווילִיקע אין דער פראנצויזישער ארמעע.

נאכדעם ווען מען האט דערשאסן די ניין רוסן אין צווייטן רעגימענט און פארשיקט עטליכע און צוואנציג, און נאך דעם און נאך דעם סימפאטיע סטרייק פון די רוסן אין עטלעכן פרעמדן-לעגיאן, האט מען רעגיסטרירט אלע נאציאנאלי-טעטן. פון די פרעמדע רעגימענטער: די איטאליענער האט מען געשיקט אונטער דעם נאמען פון גאריבאלדיס און דער איטאליענישער ארמעע באלד נאכדעם ווי איטאליע איז אריין אין קריג קעגן אירע פארבינדעטע די בעלגיער האט מען נאך זייער פאר-לאנג געשיקט אין די צופליטערטע טיילן וואס זענען נאך פארבליבן פון ליעזש און נאך שארל רוא.

די איינציגע דערווייל זיינען פארבליבן די רוסן ווארום אחוץ דעם האט זיי זענען געווען די מערהייט אין די פרעמדע רעגימענטן זענען זיי אויך געווען דער אויפגעקלערטער עלעמענט און דאס האט אויפגעהאלטן די מיליטערישע אויטאריטעט פון רוסלאנד די אונגעווינשטע עלעמענטן צו האבן ביי זיך אין דער ארמעע וואס איז אויך אזוי געווען גענוג ווידערשפעניג, און די פראנצויזישע מיליטערישע אויטאריטעט האט ניט געוואלט פשוט ארויסלאזן פון דער האנט אזא סאלדאטן-מא-טעריאל וואס האבן אזוי גלענצענד געקעמפט אויף אירע פראנטן.

נאָך סוף כל סוף איז מען משה געוואָרען סײַ דער רוסישער סײַ דער פראנצויזישער הויפּט„קוואַרטיר צווישען זיך און די אונצופרידענע רוס'ן מײַנען פרעמדען-לעגיאָן געגעבען אויסצוטיילען ענטוועדער פאָרען קיין רוסלאַנד, אָדער אַרײַנגעהן אין דער רעגולערער פראנצויזישער אַרמעע, ווי די גרעסטע טייל פון די רוסען האָבען בעסער אויסגעקליבען. - די פראנצויזישע אַרמעע ווי די רוסישע.

צווישען די „רוסען'' איז אויך געווען „אונזער בנימין'' וואָס האָט שוין ביז דאַן פאַרלוירען דעם מיטעלסטען ברודער ביי דער ערשטער אַטאַקע און ביי דער צווייטער - דעם עלסטען ברודער א שווער פאַרוואונדעטען.

מיר אַלע פון אונזער גרופּע האָבען אויף אים געלייגט פיעל האָפנונג. ערשטענס איז ער געווען יונג און פול לעבען און פאַר זיין רײדען פראנצויזיש ווי א פראנצויז אָהן א אַקסענט - אַזוי אַז מיר האָבען גערעכענט אַז דער ערשטער צו ווערען א קאַפּראַל פון אונז אַלע וועט זיין „אונזער בנימין''.

נאָר דער צופאַל האָט אַנדערש געוואָלט. און אַכט טעג נאָך דעם ערשטען פאַרפאַל מיט'ן בעל-הבית'ל האָבען מיר אין האַפּאַרט (יהי"ד?) דאָס איבער אונפאַרזיכטיקייט איז דער פרעווילעגער סאָלדאַט הירש ראַבינאָוויץ שווער פאַרוואונדעט געוואָרן פון זיין אײגענער ביקס שטייענדיג אויפן פאָסטן.

ווי מיר האָבען שפּעטער געהערט פון דעם פראנצויזישען חבר, וועלכער איז מיט אים געשטאַנען אויף דער וואַך דעם פאַטאַלען מאָמענט - זאָל געווען זיין [illegible] פון דער טראַנשעע ווי דאָס ציינגעל פון זיין געלאָדענער ביקס האָט זיך פאַרשטעפּט און אויסגעשאָסען. ער, דער צווייטער סאַנטינעל האָט נאָך גליקליך אָפּגעשניטען, ווייל די קויל איז דורכגעלאָפען האַרט נעבען זיין שעדעל און אים אַראָפּגעוואָרפען די קאַסקע פון קאָפּ. אַהאָר האָט געפעלט, אַז קויל זאָל אים געווען דורכלעכערן דעם מוח.

201

70766

# ד ע ר  א ל ט ע ר  װ י נ י

„דער אלטער װײני", דער מאָנטאַניאַר" („דער בערגמאַן"), „אלפרעד דע װײני"(אױפֿ'ן נאָמען פֿון באַװאוסטן פּאָעט, דער פּראָפֿעסאָר פֿון „משה") - יתרו'ס נעמען האָט ער געהאַט און דעם א ל ט ן הלל'ס גוטסקײט, א פּעסס-געבױעטער מאַן פֿון מיטעלע יאָרן מיט א שטענדיק שמײכלענדיק פּנים און מילדן בליק פֿאַר יעדן אײנעם.

א געבירטיקער פֿון דער װ אָ ג ע ז ן-געגענט, איז ער געװען דאָס הארץ פֿונם סעקטאָר אין די װאָגעזן-בערג, װאו מיר האָבן דאַן געלאַגערט. ער האָט די גאַנצע געגענט ארום און ארום געקענט, װי זײַנע צען פֿינגער, און בלינדערהײט װאָלט ער אין די בערג געפֿונען יעדער װעגעלע און יעדער שטעגעלע. געדינט האָט ער אלס באַאָבאַכטער פֿון דער בארג-ארטילעריע בײ אונז אין סעקטאָר פֿון אָנהױב קריג אָן, װעמענס ארבעט איז באַשטאַנען אין רעגולירן דאָס ארטילעריע-פֿײַער.

אָט װי אזױ „דער אלטער װײני" איז אָנגעקומען צו אונז אױפֿ'ן פֿראָנט, אינם סעקטאָר פֿון זײַן געבורטס-אָרט:

די ערשטע טעג פֿון חודש אױגוסט, באַלד װי די מלחמה איז דערקלערט געװאָרן, האָבן די דײַטשע מיליטערישע אָפּטײלונגען פֿאַרפֿלײצט די גאַנצע געגענט פֿון די װאָגעזן-בערג און פֿאַרנומען אָן דעם קלעק מינדסטן װידערשטאַנד מצד די פֿראַנצױזן אײן דאָרף נאָכ'ן צװײטן, אײן שטאָט נאָך דער אנדערער. זײ האָבן אױף זײער גאַנצן װעג ניט באַגעגנט קײן פֿראַנצױזישן פּאַטרול, קײן אײנציקן קלעק זשאַנדאַרם אפילו װאָס זאָל זײ געװען שטערן און פֿאַרשטעלן דעם גאַנג.

אינם שטעטל פֿונם אלטן װ י נ י זענען די דײַטשן אַרײַן בײַנאַכט.

גאנץ אומגערעכט פאר׳ן שלאפענדיקן שטעטל, וואס שטייט ארומגערינגלט פון אלע זייטן מיט בערג. און ווען די איינוואוינער זענען אין דער פרי אויפגעשטאנען, האבן זיי געטראפן די געסט ברייט צעלעגט ביי זיי, ווי ביי זייער טאטע׳ן אין ווינגארטן.

קיין רייד פון אנטלויפן האט שוין דאן ניט געקאנט זיין, ווייל, ערשטענס, זענען שוין דייטשע פאטרולן געווען צעשטעלט אויף אלע וועגן און שטעגן און געהיט און, צווייטענס, איז שוין געווען אויסגעהאנגען פלאקאטן אין פראנצויזיש, וואו מ׳האט געווארענט, אז מ׳זאל זיך ניט רירן פון ארט אן דער דערלויבניש פונם קאמענדאנט און אז מ׳וועט גלייך אויפ׳ן ארט שיסן יעדן איינעם וואס מ׳וועט טרעפן אויפ׳ן וועג פון איין ישוב צום צווייטן. ביי די איינוואוינער פונם שטעטל איז, זעלבסטפאר-שטענדליך, פארגאנגען דער אפעטיט צו ריזיקירן און מאכן אזא שפאציר. אנדערש איז אבער געווען מיט׳ן אלטן ווניי׳ן.

באלד דעם ערשטן טאג אין דער פרי, ווען ער האט זיך אויפגעכאפט פון שלאף, געעפענט די אויגן, דערנאך די לאדן פון זיין הייזל און דערזען די דייטשן ווי זיי שפאצירן זיך אזוי ברייטלעך אין דרויסן, - האט ער אויפגעוועקט זיין עלטסטן זון פון 18 יאר, אים געהייסן זיך באלד אנטון, אליין זיך אנגעטאן, פיידע זיך געזעגנט מיט דער מוטער און קליינוואַרג און זיך אוועקגעלאזט אין וועג אריין, צוזאגנדיק דער פאמיליע צו קומען באלד צוריק.

געגאנגען איז דער אלטער ווני מיט זיין זון דורך א וועג אין די בערג, וואס איז געווען באקאנט נאר צו אים אליין. דעם גאנצן טאג האט ער זיך מיט זיין זון אויסבאהאלטן אויף דעם שכנות׳דיקן בארג און גיט ארומגעקוקט די פיינטלעכע פאזיציעס און ווען די זון האט זיך געזעגנט און ס׳איז אביסל טונקל געווארן האט ער זיך געלאזט אין רעכטן וועג

2/

גאַנץ אומגערעכט פאַר״ן שלאָפענדיקן שטעטל, װאָס שטייט גאַנץ אַרום־
גערינגלט

3/ 203

70768

אַרײַן.

געקומען איז ער צו די פֿראַנצויזישע פּאָסטנס פֿאַר די דײַטשע אויסקוקער און דערצײלט וואָס פֿאַר א מאַטעריאַל און קראַפּט די דײַטשן פֿאַר_מאָגן, וואו זײ געפֿינען זיך און אויף וואָסערע וועגן זײ מאַרשירן צו פֿאַר_כאַפּן די ווײַטערדיקע געגענט.

היות ווי /// די דײַטשן זענען די גאַנצע צײַט געגאַנגען פֿאָרויס אָן ווידערשטאַנד, ווײַל די פֿאַר זשאַנדאַרמען און מיליטער-פֿײַאיקע בירגער וואָס האָבן זיך געפֿונען אין יעדן שטעטל זענען אַנטלאָפֿן פֿונעם אָרט אין די ניט-פֿאַרנומענע געגענטן, האָט זיך אַזוי-אַרום אָנגעזאַמלט א שטיקל אַרמײ, וועלכע, הגם זי איז געווען ניט אָרגאַניזירט און ניט דיסציפּלי_נירט, האָט אָבער געהאַט א שטאַרקן ווילן נאָכצוטאָן דעם בײַשפּיל פֿון די ערשטע פֿרײַוויליקע פֿון יאָר 1793, וואָס האָבן, זײַענדיק אויך ניט-אָרגאַ_ניזירט און ניט-דיסציפּלינירט, דאָך פֿאַרטריבן די שטאַרקע אַרמײען פֿון דער קאָאַליציע, וועלכע האָט געוואָלט אָננעמען בײַם פֿראַנצויזישן פֿאָלק זײַן דערוואָרבענע פֿרײַהײט.

די אויספֿירלעכע ידיעות פֿונעם אַלטן ווינײ, זײַן גרינטלעך באַקאַנטשאַפֿט מיט'ן געגענט האָבן צוגעגעבן מוט דעם זשאַנדאַרם-אָפֿיציר צו ריזיקירן און פּרוּוון אָפּשטעלן דעם דײַטשן אַוואַנגאַרד מאַקע אונטער די בערג. געזאָגט און געטאָן. — מיט א קלײנער אָפּטײלונג האָט ער פֿאַר_שטעלט דעם הויפּט-דורכגאַנג אין די בערג, און ווען ס'האָבן זיך באַ_וויזן די ערשטע דײַטשע אויסקוקער האָט מען זײ באַשאָסן; די לעצטע זע_נען אין אײַלעניש אַנטלאָפֿן, איבערלאָזנדיק אויפ'ן אָרט אײן טויטן און צװײ פֿאַרוווּנדעטע.

דער אַלטער ווינײ איז דער ערשטער געלאָפֿן געבן הילף די פֿאַרוואונדעטע און זײ אָפּגעפֿירט אין דעם „שוועסטער-שפּיטאָל" אינם דער_בײַאיקן שטעטל. קומענדיק צוריק אויפ'ן באַרג, וואו דער טויטער דײַטש

4/ 204

70769

איז געלעגן, האָט ער אויסגעגראָבן א גריב אויפ'ן זעלבן פלאַץ, וואו ער איז געפאַלן, און אים דאָרטן באַגראָבן. ~~[illegible]~~ אויפ'ן קבר האָט ער אויסגעשטעלט א גרויסן צלם פון ברעטער, אויף וועלכן ער האָט אָנגעשריבן: דאָ ליגט א דייטשער סאָלדאַט, וואָס איז געפאַלן אויספילענדיק זיין חוב פאַר זיין פאָטערלאַנד, ווייט פון אייגענע און פריינט. זאָל די ערד אים לייכט זיין! דע פראָפונדיס. ווען ~~ע~~ ער איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער אַרבעט, האָט ער גענומען די פאַפירן און די איבעריקע זאַכן וואָס ער האָט געפונען אין די קעשענעס פונעם טויטן, ~~[illegible]~~ זיי געבראַכט אויפ'ן צווייטן טאָג צו זיך אין שטעטל אַריין און איבערגעגעבן די דייטשן, אז מ'זאָל דאָס אַלעס שיקן דער פאַמיליע פון טויט'ן.

אזוי אַרום האָט דער אַלטער וויני באַלד פון אָנהייב אָן געפונען צוטרוי סיי ביי די פראַנצויזן, סיי ביי די דייטשן. זיי האָבן אים געלאָזט גיין אויף די בערג אויך א צווייט מאָל און א דריט מאָל א.א.וו.

דערווייל האָבן שוין די דייטשן ניט געוואַגט ווייטער צו גיין און האָבן זיך באַפעסטיקט אין די אַרומיקע שטעטלעך אין די בערג. די פראַנצויזן, וועלכע האָבן געקריגן א דאַנק ווינ'ין גענויע ידיעות וועגן די דייטשן, האָבן זיך דאַסגלייכן באַפעסטיקט אויף די בערג קעגן-איבער, וואַרטענדיק אויף ווייטערדיקע באַפעלן פון פראַנצויזישן גענעראַל-שטאַב, וועלכער איז צו יענער צייט געווען פאַרנומען מיט וויכטיקערס, נעמליך מיט'ן שלאַכט אויף דער מאַרנע. אזוי אַרום איז באַשאַפן געוואָרן דער פראָנט אַרום די וואָגעזן-בערג: די דייטשן האָבן נאָך א פּאָר ניט-געלונגענע פרוון אויפגעגעבן דעם געדאַנק צו גיין פראויס, די פראַנצויזן ווידער האָבן ניט געהאַט קיינע דירעקטיוון פון גענעראַל-שטאַב און זענען געצוואונגען געווען צו בלייבן היטן די דורכגענג אין די בערג און די וועגן, וואָס האָבן געפירט צו די גרעסערע שטעט פון פראַנקרייך.

205

70770

5/

דער אַלטער װיני האָט אָנגעהויבן אָפֿטער צו גיין פֿון זיין שטעטל, װאו די דייטשן זענען געשטאַנען, צו די פּראָװינצן און זיי ברענגען די פּראָדוקטן װאָס זיי האָבן ניט געהאַט און פֿון דאָרט דאָסגלייכן אַהיים ברענגען פֿאַר זיין פֿאַמיליע פּראָדוקטן װאָס האָבן דאָרטן אויסגעפֿעלט. די דייטשן װאָס זענען איינגעשטאַנען ביי אים אין הויז האָבן דערפֿון געװאוסט, זיי האָבן אָבער גאָרניט געװאָלט זאָגן, װייל זיי זענען געװען זיינע בעסטע פֿריינט; זיי פֿלעגן נאָך אָפֿט פֿון זייער קיך ברענגען פֿאַר זיין הויזגעזינט עסן פֿון אַלעם גוטן.

מיט דער צייט האָט זיך אָבער דאָ אָנגעשטעלט אַ ריכטיקער פֿראָנט. פֿריש מיליטער איז אָנגעקומען. די פּאָזיציעס פֿון ביידע זייטן זענען באַפֿעסטיקט געװאָרן. טראַנשייעס האָט מען אויסגעגראָבן, מיט געפֿלאָכטענע שטעכיקע דראָטן האָט מען זיך אַרומגעצוימט. דעם אַלטן װיני איז װאָס אַמאָל שװערער געװאָרן צו מאַכן דעם טאַצייר אין זיין שטעטל. װען די גראָבנס און שטעכיקע דראָטן האָבן זיינע װעגן פֿאַרשטעלט, האָט ער אויסגעפֿונען באַהאַלטענע ניע װעגן, און װען אויך די װעגן זענען פֿאַרצוימט געװאָרן, האָט ער אויסגעפֿונען די דייטשע פּאָרפּאָסטנס, װאו ער פֿלעג פֿון צייט צו צייט אָנקומען גריסן פֿון דער היים. די דייטשע מיליטערישע אָפּטיילונגען האָבן זיך אָבער אָפֿט אָנגעהויבן צו בייטן און ס׳איז אים כמעט אוממעגלעך געוואָרן צו באַקומען גריסן פֿון דער היים. פֿלעג ער זיך צורוקן צו דער ערשטער ליניע, אַרויפֿקלעטערן אויף אַ הויכן נאָדלבוים אויפֿ׳ן שפּיץ באַרג און פֿון דאָרטן אַרונטערקוקן אויף זיין שטעטל, אויף זיין הייזל, דערזען אַמאָל זיין פֿרוי אָדער זיינע קינדער שטיין אין דרויסן ביי דער שטוב, װעלכע ער האָט דערקענט לויט׳ן פֿאַרב פֿון זייערע קליידער. זונטאָג פֿלעג ער זען, װי זיין פֿרוי מיט די קינדערלעך גייען אין קירכע אַריין אין יום-טוב׳דיקע קליידער, און אַזוי זיצענדיק אויפֿ׳ן בוים פֿלעג ער װאַרטן ביז זיי פֿלעגן אָפּדאַװענען און אַרויסגיין פֿון קירכע צו גיין אַהיים; מיט זיין װאַרעמען און האַרציקן בליק

206

70771

6/

פלעג ער זיי באַגלייטן ביז אין שטוב אַריין.

די צייט איז דערווייל געלאָפן. די מלחמה איז אַלץ פאַרי'עקשנ'-
טער און פאַרביטערנער געוואָרן. די באַרג-אַרטילעריע האָט גענומען דאָס
וואָרט. דערנאָך זענען געקומען די באַרג-מינעס מיט זייערע דינאַמיט-
אויפרייסונגען, וואָס פלעגן ניט זעלטן פאַרשיטן לעבעדיקערהייט גאַנצע
מיליטערישע פּאָזיציעס. דערנאָך זענען געקומען די „באָמבעס-וואַרפער"
וואָס האָבן אָנגעשטעלט גרויסע חורבנות סיי אין די געדיכטע בוימער, סיי אין
דער געדיכטער באַפעלקערונג פון די טראַנשייעס. איינזאַם און פאַרצווייפלט
איז געוואָרן דער אַלטער ווינאַי אַלץ מער און מער; זיין זון האָט מען פון
אים אויך צוגענומען, אים אַוועקגעשיקט אויף אַן אַנדער פראָנט, און ער
הערט מער פון אים גאָרניט. מחמת דער אָפטער באָמבאַרדירונג וועט ער שוין
מער ניט אַרויסקומען פון זיין הויז זיין פרוי און קינדערלעך, דאָס גאַנ-
צע שטעטל זיינס וועט אויס ווי אַ בית-עולם — גאַנצע טעג וועט מען קיין
לעבעדיקן נפש ניט דורכגיין די גאַסן. די קירכע איז וויסט און פּוסט
אַפילו אום זונטאָג און קיינער גייט מער ניט דאַוונען. דער הויכער נאָדעל-
בוים, פון וועלכן דער אַלטער פלעג אַראָפּקוקן אויף זיין הים, איז ענד-
לעך אויך צעפליקט געוואָרן אויף פּיצלעך פון אַ דייטשן קאַנאָנען-קויל.
דעמזעלבן גורל האָבן געהאַט אויך די איבעריקע דערבייאיקע בוימער.

איינמאָל אַ זונטאָג, אין אַ שטעטיקן הערבסט-טאָג איז דאָס געווען,
קומט דער אַלטער ווינאַי צו צו די טראַנשייעס פון דער ערשטער ליניע, נעמט
זיין גרויסן פעלד-גלאָז און באַטראַכט לאַנג דאָס שטעטל זיינס וואָס ליגט
צופוסנס דעם באַרג, שאָקלנדיק מיט'ן קאָפּ.

דאָס האָט אונז פאַראינטערעסירט און מיר האָבן דעם אַלטן געפרעגט,
וואָס באַטייט זיין לאַנג קוקן און צושאָקלען מיט'ן קאָפּ.

— צום לעצטן מאָל באַטראַכט איך דאָס שטעטל! — האָט ער מיט אַ טרוי-

207

70772

7/

עריקער שטימע באַגלייט פֿון אַ טיפֿן קרעכץ אַרויסגערעדט.

מיר האָבן ניט פֿאַרשטאַנען, וואָס ער מיינט און זענען צוגעשטאַנען צו אים, ער זאָל אונז דערקלערן זיינע ווערטער.

— נאַט, קוקט זיך גוט צו, וועט איר פֿאַרשטיין! — האָט ער איינעם פֿון אונז געשטופּט זיין פֿעלד-גלאָז אין דער האַנט אַריין.

יענער האָט גענומען דאָס גלאָז און געקוקט, דערנאָך דאָס איבערגעבן אַ צווייטן, דער צווייטער — אַ דריטן א.א.וו.

— נו, וואָס האָט איר געזען? — האָט ער געפֿרעגט.

— דאָס שטעטל ס ע נ א ן מיט איר קלויסטער און די הייזער אַרום.

— און ווייטער האָט איר גאָרניט באַמערקט?

— מענער, פֿרויען און קינדער, דוכט זיך, לאָזן זיך גיין אין קירכע גאָט בעטן — איז וואָס? איז דען עפּעס געשען? וואונדערן זיך די סאָלדאַטן.

— ס'איז גאָר ניט געשען, מיינע פֿריינט, ס'וועט ערשט געשען! היינט איז דער יום-טוב פֿון אַלע הייליקע, האָט מען צום ערשטן מאָל דאָס יאָר דערלויבט צו קלינגען אין די קירכע-גלאָקן און רופֿן די אַלטע לייט, פֿרויען און קינדער צו דער מעסע. די דייטשן גופֿא גייען אויך איינד בעטן פֿאַר זייערע טויטע און געפֿאַלענע אין שלאַכט, אַזוי גוט ווי דער איבעריקער עולם... — ער האָט דערביי אַ זיפֿץ געטאָן.

— וואָס-זשע דאַרפֿט איר זיך אַזוי נעמען צום האַרצן?

— ס'טייטש! — האָט ער מיט אַ פֿראַגע געענטפֿערט אויף אונזער פֿראַגע און געזאָגט מיט האַרץ: — דער אַרטילעריע-קאַפּיטאַן וועט באַלד הייסן באָמבאַרדירן די קירכע בשעת דער מעסע, און צו די טויטע וואָס מ'וועט באַוויינען וועלן באַלד צוקומען פֿרישע קרבנות פֿון פֿרויען און קינדער...

אַלע זענען מיר געבליבן שטיין מיט ברייט-געעפֿנטע אויפֿגעריסע-נע מיילער און ניט געוווּסט וואָס צו ענטפֿערן.

— דער עקים פֿון אונזער באַטאַריע האָט זיך אָפּגעזאָגט צו שיסן.

208

70773

8/

איך בין געפאלן צו פיס דעם קאפיטאן און אים געבעטן מיט טרערן אין די אויגן, אז ער זאל דאס ניט טאן, אז ער זאל ניט באשיסן דאס שטעטל און די קירכע בעת אלע פרויען און קינדער געפינען זיך דארטן. ס'האט ניט געהאלפן. ער דראט אונז נאך אלע איבערצוגעבן אין פעלד-געריכט...

— זאל ער איבערגעבן! — האבן מיר אלע אין איין קול אויסגעשריגן.

— נו יא! דאס הארט מיך ווייניג וואס; וואס מיך טרעפט איז דאס, וואס ער און די איבעריקע אפיצירן גרייטן איצט צו די באטארייען און וועלן באלד אנהויבן שיסן.

— נו! איז דען ניט מעגליך אים געבן צו פארשטייען, אז ס'איז גאר ניט קיין העלדישקייט צו באשיסן א קירכע, ווען פרויען און קינדער געפינען זיך דארטן?! — ער איז דאך א פראנצויז, די פרויען און קינדער פון שטעטל זענען דאך אויך פראנצויזן — ווי-זשע קאן ער דאס טאן?!

— ווען איך האב אים דאס אלעס געזאגט, האט ער מיך מיט'ן פוס א שטויס געטאן און געזאגט: „זשמאן פו!״( איך                              ) אצינד זענען זיי אלע „באשעס״ און מען דארף זיי אלע צעשטערן און פאר-ניכטן! אזוי לאנג ווי דער שונא איז אין שטעטל, זענען זיי אויך אונ-זערע פיינט!

דער „פוואנטער״(              ) און דער „טיפער״ זענען ארעסטירט. איך האב זיך אויסגעדרייט פון זיינע הענט און צוגעלאפן אהער זיך גע-זעגענען כאטש פון ווייטנס מיט מיין פאמיליע און שטעטל...

אין דעם מאמענט האבן אונזערע קאנאנען גענומען פייערן אויפ'ן שטעטעלע פון אלע זייטן...

— זייט לודוויג דעם 13-טן האט דאס שטעטעלע נאך אזא חורבן ניט דורכגעמאכט, — האט דער אלטער ווייני שטיל א זאג געטאן און גענומען זיך ווישן די מיט טרערן פארלאפענע אויגן, פארלאזנדיק די ליניע...